יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 8 זייטען

נייער פאלקסבלאט

№ 132 | Łódź, Czwartek, 7 czerwca 1934 r. | צוועלפטער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג, כד סיון תרצ״ד | № 132

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

דייטשלאנד וויל צוריק אין פעלקערליגע?

די נעכטיגע זיצונג פון פרעזידיום פון דער ענטוואפענונגס-קאנפערענץ

גענף, 6. (ספ. טעל.)

היינט ביינאכט האט זיך ווידער פארזאמעלט דאס פרעזידיום פון דער ענטוואפענונגס-קאנפערענץ.

הגם אויף די דאזיגע זיצונג האט נישט גע־בראכט צו קיין רעזולטאט, האבען זיך דאך געוויזען געוויסע סמנים פון א מעגליכען קאמפראמיס ובפרט אין שייכות מיט דעם רעזאלוציע־פראיעקט, וואס איז פארגעשטעלט געווארען דורך דער פראנצויזישער דעלעגאציע.

די בעראטונגען זענען היינט געפיהרט געווארען אין אן אטמאספערע פון אפשפאנונג און רוה. סיי דער פארזיצער און סיי בארטו האבען בעטאנט אז דער נעכטיגער שטורעם איז אדורך, און באַרטו דאך אפילו מיט הומאר בעמערקט אז סיי דער פארזיצער, סיי ער, וואס זענען ביידע און דיזעלבע יאהרען, האבען ביידע געוואלט בעווייזען אז זיי זענען יונגעגדליך ענערגיש...

דייטשער האט ער דערקלערט, אז אויף די דע־באטען לעסטיגט די פראגע פון דייטשלאנדס צוריק קעהר אויף דער קאנפערענץ. קיין לאנד וועט זיך פון אזא צוריקקעהר נישט פרייען אזוי ווי פראנק רייך. קיין שום טיר איז נישט געשלאסען. עטליכע דעלעגאציעס האבען געגעבען צו פערשטיין, אז אהן דייטשלאנד קאנען די אונטערהאנדלונגען ווייטער נישט געפיהרט ווערען. די דאזיגע מיינונג טייל איך נישט...

עס האט זיך ענטוויקעלט א לאנגע דיסקוסיע, בעת דער העבאטע איבער דער פראצעדור אין וועל־כער עס האט איבערגעהויגען די מיינונג פון באר־מאן דעיוו־ס, דאס מען מוז איבערלאזען צייט אויף דעם אויסטויש פון אנשויאונגען, די זיצונג איז אי־בערגעריסען געווארען ביז פרייטאג פריה.

לאנדאן, 6. (ספ. טעל.

„מאנטשעסטער גארדיען" גיט היינט אין א סענ־סאציאנעלע ידיעה, אז דייטשלאנד בעמיהט זיך צו־ריק אריינצוטרעטען אין דער פעלקער־ליגע. עס ווערט געבראכט אלס פאקט, דאס אין זשענעווע גע־פינט זיך איצט א בעדייטענדע צאהל שלוחים פון דער דייטשער רעגירונג. די צייטונג שטרייכט אונ־טער, אז לפנים איז זייער אנוועזענהייט פארבונדען מיט די אונטערהאנדלונגען וועגען דעם סאאר־גע־ביט, אבער פאקטיש בעשטייט זייער מיסיע אין צו־ריקקעהר פון דייטשלאנד אין דער פעלקער־ליגע און אויף דער ענטוואפענונגס־קאנפערענץ.

לויט דער מיינונג פון דער צייטונג איז דייטש־לאנד גרייט צוריקצוקעהרען זיך אין זשענעווע אהן ארויסרוקען וואס־ערע נישט איז תנאים, מחוץ דעם איינציגען, ווי דהיינו, אז איינע פון די גרויסמאכטען אין דער פעלקער־ליגע זאל ארויסטרעטען מיט דער איניציאטיווע צו פארבעטען צוריק דייטשלאנד אין דער ליגע. דער ציל פון די איצטיגע אונטערהאנד־לונגען סיי אין זשענעווע סיי אין בערלין זאל זיין דאס געפינען א מלוכה וואס זאל גרייט זיין צו אויספיהרען די דאזיגע שליחות.

פון דער זשענעווער קאנפערענץ

מיטאג לכבוד דער סאוויעטישער דעלעגאציע ביים מיניסטער ראטשינסקי. — מיניסטער בעק ביים לארד עדען

זשענעווע, 6 (ספ. טעל.)

נעכטען אין אוונד האט דער מיניסטער ראטשינסקי ארויסגעגעבען א מיטאג לכבוד דער סאוויעטישער דעלעגאציע אויף דער ענטוואפענונגס קאנפערענץ. ביי דער דאזיגער געלעגענהייט האט דער מיניסטער בעק געהאט א לענגערען גע־שפרעך מיט'ן קאמיסאר ליטווינאוו.

זשענעווא, 6 (ספ. טעל.)

דער דעלעגאט פון גרויס־בריטאניען, לארד עדען האט היינט ארויסגעגעבען א פריהשטיק לכבוד דעם מיניסטער יוזעף בעק.

ערשטער ארלאזאראוו-יאהרצייט

ירושלים, 6. (יט״א טעלעגראפיש).

נעכטען איז אין גאנץ ארץ ישראל געפייערט גע־ווארען די ערשטע יאהרצייט פון טראגיש־אומגעקומע־נעם ד״ר א־לאזאראוו.

די גאנצע העברעאישע פרעסע האט אויסגע־געבען ספעציעלע אויסגאבען.

אומעטום זענען פארגעקומען טרויער פער־זאמלונגען.

אין ירושלים זענען מיט גרויסע רעדעס ארויסגע־טרעטען העברעאישע שאלט און משה טשערטאק.

היינט מיטוואך וועט פארקומען די פייערליכע ענטהילונג פון דער מצבה.

איינע פון די גאסען אין ירושלים וועט אנגע־רופען ווערען אויפן נאמען פון ד״ר א־לאזאראוו.

געשלאסען די אויסשטעלונג אין תל-אביב

תל־אביב ב. 6. (יט״א טעלעגראפיש)

נעכטען איז אין תל־אביב פייערליך געשלאסען געווארען די אויסשטעלונג. די אויס־שטעלונג האבען דורך דער צייט פון דער פרעפ־נונג בעזוכט 600 טויזענד פערזאן

Dnia 5 go czerwca b. r. zmarł nasz najukochańszy, nieodżałowany mąż, ojciec, syn, brat, zięć i szwagier

B. P.

LUDWIK FAUST

Członek Zarządu F-my „HERMAN FAUST i S-ka" Sp. Akc.

PRZEŻYWSZY LAT 42.

Wyprowadzenie drogich nam zwłok z domu przedpogrzebowego w PABJANICACH, odbędzie się dziś, we czwartek, d. 7-go czerwca b. r. o godz. 12-ej w poł., o czem zawiadamia pogrążona w nieutulonym żalu

RODZINA.

Dnia 5-go czerwca b. r. zmarł

B. P. **LUDWIK FAUST**

Członek Zarządu F-my „HERMAN FAUST i S-ka" Sp. Akc.

Dzielny, energiczny i oddany Towarzysz pracy zmarł w sile wieku i utrata Jego jest dla nas bolesnym i niepowetowanym ciosem.

Cześć Jego pamięci!

Zarząd Przemysłu Włókienniczego „HERMAN FAUST i S-ka" Sp. Akc. w Łodzi.

הוי נפלה עטרת ראשינו!

אחרי מחלה כבדה וקצרה נפטר בש״ט אתמול, בעלי, אבינו, זקנינו, איש החסיד המפורסם עוסק בתורה ובמעשים טובים

ג״ע ישראל חיים ז״ל בן ר׳ דאברזינסקי

בשנת 66 לחייו (הנקרא ישראל זשארנאוועץ)

נכד הרה״ג ר׳ ישראל זצ״ל מלומעטשינסק

ונכד הרה״ג ר׳ פישעלע זצ״ל מספריקוב

הלוי׳ תהי׳ היום בשעה 12 ממעונו ברחוב פ.א.וו. (סקווערצווא) 18. המודיעים בצער עמוק

משפחתו המתאבלת.

בעקאנטמאכונג.

די אין דער גאנצער וועלט בעריהמטע

אראנזשען-אנאנאס-ציטרינארע-פאסטע

פון דער ארץ־ישראל־געזעלשאפט „פרדס" צום אויספערטיגען זאפט אין לאדעס איז שוין צו בעקומען אין לאדז ביי אונזער פערטרעטער: A. AST, Zgierska 28

אראנזשען און אנאנאס־זאפטען שוין צו בעקומען ביי פירמע: K. RUBIN, Piłsudskiego 23.

גען. „תל־אביב" (תוצרת הארץ) ווארשא.

אנאנסען אין „נ. פאלקסבלאט" האבען דעם גרעסטען ערפאלג.

חברה עולי ארץ־ישראל

עס האט זיך געגרינדעט אן ארגא־ניזאציע אויף קאאפעראטיווע יסודות, וואס האט די אויפגאבע צו פערלייכטערן דאס מאהרען קיין ארץ־ישראל. דאס זיץ־ארט איז נייע זשעשעווסקא 7, אין חדר „יסודי התורה" מיטגלידער ווערען נאך אנגענומען זונטאג און מיטוואך פון 7–9 אוועגד.

בעקאנטמאכונג.

דער רבי שליט״א מקאמארני. וואס וואוינט אין פאביאניץ. פאהרט אי״ה היינט, דאנערשטאג, פ׳ שלח נאך טשענסטאכאו און וועט זיך זוימען עטליכע וואכען.

אכטונג!

די געזעלש. „בותי לחם"

מאכט אויפמערקזאם אלע פעראינטערע־סירטע, אז איינשרייבונגען אויף זומער־קאלאניע אין קעלי גענען אווזראַ־וויסקא ווערען אנגענומען נור ביז צנדע וואך אין סעקרעטאריאט פון דער געזעלש. פל. דאמבראווסקי 4 פון 10-3 און פון 5–7 אוועגד. די פערוואלטונג.

אראביש־פאשיסטישע פארטיי

אינטערפעלאציע פון קאלאנעל וועדזשוואוד ביים ענגלישן קאלאניאל־מיניסטער

לאנדאן, 6. (יט״א טעלעגראפיש). אין פאר־לאמענט האט קאלאנעל וועדזשוואוד אינטערפעלירט דעם קאלאניאל־מיניסטער צי ער ווייסט עפעס וועגן דעם, אז אין פאלעסטינע ווערט געשאפען א פאשיסטישע אראבישע פארטיי, וועלכע פירט א נאצי־טעטיגקייט.

ווייטער פרעגט קאלאנעל וועדזשוואוד צי דער קאלאניען־מיניסטער ווייסט אז די אראבישע פרעסע ווערט סובסידירט אויס בערלין.

דער קאלאניען־מיניסטער האט געענטפערט אז די ידיעות זענען נישט קיין ריכטיגע און געפינט אפילו נישט פאר נויטיג וועגן דעם צו פירען אן אויספארשונג.

ירושלים, (יט״א). א נאצי־פארטיי פון אראבער איז איצט געגרינדעט געווארען אין א״י אונ־טער דעם לאזונג „צו בעקעמפען די יודען אפען און געהיים", די פארטיי ווערט געשטיצט דירעקט פון בערלין, די ארגאניזאטארען פון דער פארטיי האבען פון נאצי־פראגראם אויסגעשטראכען בלויז דעם אר־יער־פאראגראף, וועלכער וואלט אין בעצוג צו אראבער געווען אן אבסורד. די נאצי־פארטיי אין א״י וועט שטעהן אונטער דער קאנטראל פון דער נאצי־צענטראלע אין בערלין, בראש פון וועלכער עס שטעהט דער ברודער פון דעם דייטשען מיניסטער העס, דער שטעלפערטרעטער פון היטלער אין דער פארטיי.

ווי די יודישע טעלעגראפען־אגענטור ווערט איינפארמירט האט געבעלס פערזענליך צוגעשיקט אינ־סטרוקציעס פאר דער נייער פארטיי פון די אראבישע נאציס. די פארטיי עקזיסטירט דערווייל אונ־לעגאל, אבער עס ווערט בעריכטעט אז זי פערמאגט שוין עטליכע הונדערט מיטגלידער, דאס רוב יונגע אראבער.

די אראבישע צייטונג „אל דיפא" וועלכע האט אנגעהויבען צו ערשיינען אין א״י מיט א קורצער צייט צוריק, און וועלכע איז איינע פון די בייעסטע אראבישע צייטונגען אין לאנד, האט איצט אנגע־הויבען צו דרוקען גערינגס בוך אין פא־טועצונגען, די צייטונג דרוקט אויך זעהר פיל ארטיקלען און בילדער וועגן די נאציס אין דייטשלאנד.

די העברעאישע פרעסע איז א״י איז ארויסגע־טרעטען מיט דער פאדערונג אז די רעגירונג זאל איינלייטען אן אויספארשונג וועגן דער נאצי־אר־בייט אין א״י. די רעגירונג זאל אויך אויספארשען, צי „אל דיפא" ווערט נישט סובסידירט פון בערלין.

די העברעאישע פרעסע פערלאנגט אויך, אז די רעגירונג זאל פערבאטען צו פערקויפען אין לאנד היטלערס „מיין קאמף" די צייטונגען שטרייכען אונ־טער, דאס עס איז נישט אויסגעשלאסען אז היטלערס בוך איז געווען איינע פון די סיבות צוליב וועלכע ענגלישע פאליציאנטען האבען זיך ערלויבט היינ־טיגע וואך צו ווייזען זיך עפענטליך אין היטלער־אויסגעפוצטע מיטן האקענקרייץ. ווען יודען האבען זיך געקלאגט פארן שעף פון דער ענגלישער פאלי־ציי סטאפארד, האט דער לעצטער געלאכט, ער האט אבער די פאליציאנטען נישט פעראָרדענט אראפ־צונעהמען די האקענקרייץ־צייכענס. דער דאזיגער אינצידענט האט געמאכט א פיינליכען איינדרוק אויף דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג. דער ועד־הלאומי און די יודישע אגענץ ווערען דורך דער פרעסע אויפגעפאדערט צו פערלאנגען פון דער רע־גירונג אן אויפקלערונג.

נאטע פון דער פוילישער רעגירונג וועגן דעם מלחמה־חוב אין אמעריקא

ווארשא, 5 (טעלעפאניש).

דעם 15. ד. ח. איז פעליג די ראטע פון פוילענס קריגס־חוב פאר אמעריקא. די דאזיגע ראטע וועט ווי די פריהערדיגע נישט בעצאהלט ווערען.

מיר דערוויסען זיך, אז אין וואשינגטאן וועט איבערגעגעבען ווערען א נאטע פון דער פוילישער רעגירונג, וואס שטעלט פעסט, אז פוילען צאהלט איהרע חובות, אבער וואס נוגע דעם קריגס־חוב האט זי זיך אין דעצעמבער 1932 געווענדעט צו דער אמעריקאנער רעגירונג מיט׳ן פארשלאג צו רעוויזירען דעם אופן פון אפצאהלען די חובות. ביז דער ענין וועט רעווידירט ווערען, וועט זיך פוילען אפהאלטען מיט׳ן צאהלען. אויף דעם דאזי־גען שטאנדפונקט שטייט אויך איצט די פוילישע רעגירונג.

ענגלישע און אמעריקאנישע פרעסע וועגען ענגלאנדס נאטע מכוח די מלחמה־חובות

לאנדאן, (ספ. טעל.)

די ענגלישע פרעסע לויבט איינשטימיג די שטעלונג, וואס עס איז אנגענומען געווארען אין דער בריטישער נאטע לגבי די חובות.

די „דיילי טעלעגראף" שרייבט, אז די דאזיגע נאטע האט פערענדיגט די לאנגע און אומגליקליכע תקופה אין דער געשיכטע פון די קריגס־חובות.

ניו־יארק, 6 (ספ. טעל.)

די רייטער־אגענטור איז מודיע, אז אור־טיילענדיג לויט׳ן טאן פון דער ניו־יארקער פרעסע ניט זיך די עפענטליכע מיינונג פון אמעריקא אפ א גענויעם דין וחשבון פון דעם, אז די בריטישע נאטע האט געעפענט א ניי בלאט אין דער גע־שיכטע פון די קריגס־חובות.

„ניו־יארק הערעלד טריבון" שרייבט: די ענגלענדער האבען געמאכט א סוף צו דער קא־מעדיע, וואס האט געדויערט אזוי לאנג.

יודישע שיף אונטער ציוניסטישע פאהן פער־שוואונדען אויף א סודות׳פולען אופן!

זייט 4 חדשים פערלוירען יעדע שפור פון דער ערשטער יודישער שיף „עמנואל"

ירושלים, (יט״א). די ערשטע יודישע שיף „עמנואל" וואס איז מיט אכט חדשים צוריק איינגע־קויפט געווארען אין דענעמארק דורך דער א״י־געזעלשאפט „חופיה" און האט זיך געלאזט אויף די וואסערען אונטער א ציוניסטישער פאהן. איז אויף א סודות׳פולען אופן פערשוואונדען געווארען און מען ווייס נישט וואס מיט איהר האט פאסירט.

צום לעצטען מאל האט מען די שיף געזעהען מיט פיר חדשים צוריק אין גריכישען פארט פירע־אוס. זינט דאן האט מען פון איהר נישט געהאט קיין שום ידיעה. אויף דער שיף זענען געווען איהר קאפיטאן ליב ראזען, זיין געהילף בנימין לעווין,

דער הויפט־אינזשיניער ראזען פון תל־אביב און יודישע מאטראסען פון פערשידענע לענדער.

די שיף איז ארויסגעגאנגען סוף סעפטעמבער 1933 מיט סחורה־לאדונגען פון דענעמארק קיין אנטווערפען, „עמנואל" האט דורכגעמאכט א גרויסען ים־שטורעם און איז געבליבען צוויי חדשים אויף די האלענדישע וואסערען. פון דארט איז זי געפאה־רען צוריק קיין אנטווערפען מיט בייער משא, איז זי דאן אפגעפאהרען צום ענגלישען פארט סאאוטהעמ־טאן און פון דארט — קיין גריכענלאנד. דעם 30־טען יאנואר 1934 איז די אנגעקומען קיין פירעאוס, און זינט דאן קאן מען איהרע שפורען נישט געפינען.

גרויסער פראצעס פון אוקראינער אין פשעמישל

פשעמישל, 6 (טעלעפאניש) נאך 3 וואכענדיגע אונטערהאנדלונגען האט זיך היינט פער־ענדיגט דער פראצעס פון 53 מיטגלידער פון א.או.נ.

דער הויפט־בעשולדיגטער האט בעקומען 7 יאהר טורמע, און די איבעריגע פון 1 ביז 6 יאהר. 2 זענען פריי־געשפראכען געווארען.

גרויסער קאמוניסטישער פרא־צעס אין סאסנאוויעץ

סאסנאוויעץ, 6 (טעלעפאניש)

6 טאג האט דא געדויערט דער גרויסער פראצעס געגען 45 קאמוניסטען. לויטן אורטייל זענען 43 מאן פערמשפט געווארען פון 7 חדשים ביז 1 יאהר טורמע מיטן אפנעהמען אלע רעכט. 2 זענען פרייגעשראכען געווארען.

נאכן אויסהערען דעם אורטייל האבען די פערמשפטע אנגעהויבען צו זינגען דעם אינטערנא־ציאנאל. פאליציי האט צוריקגעשטעלט די ארדנונג.

בעת מ׳האט די פערמשפטע ארויסגעפיהרט פון געריכט, האט זיי א גרופע קאמוניסטען גע־וואלט אפשלאגען סוגם קאנוואי. עס איז פארגע־קומען א צוזאמענשטויס, און עטליכע פערזאן זע־נען ארעסטירט געווארען.

פעטארדעס אין מאקס ריינהארד׳ס שלאס

וויען, 6 (ספ. טעל.)

פאריגע נאכט האבען געפלאצט עטליכע פע־טארדעס אין דעם שלאס לעאפאלדסקארן, וואס געהערט צו מאקס ריינהארדט׳ן.

א סך שויבען זענען צושמעטערט געווארען. דריי פערדעכטיגע פערשוינען זענען ארעס־טירט געווארען.

מינ. בעק ארויסגעפאהרען פון זשענעווע

זשענעווע, 6 (ספ. טעל.) מינ. בעק איז היינט ארויסגעפאהרען קיין ווארשא.

ס׳ווערט געפלאנט א מלוכה־אטענטאט אין שפאניען

פאריז, 6 (ספ. טעל.)

די מאדרידער צייטונג „על סאציאליסטא" פערזיכערט, אז די רעכטע גרייטען צו א מלוכה־אטענטאט, די צייטונג האלט עס פאר א רעזולטאט פון דער צו גרויסמוטיגער אמנעסטיע, וואס איז אנגעווענדעט געווארען דורך דער רעגירונג. די רעפובליקאנער זענען אבער ענטשלאסען נישט צו דערלאזען צום אטענטאט.

אגודת ישראל בעקומט 350 עליה־סערטיפיקאטען

ירושלים, (יט״א) די אגודת־ישראל האט בעקומען פון דער יודישער אגענץ 350 עליה־סערטיפיקאטען פון דעם לעצטען סערטיפיקאטען־שעדיול.

שיפס־קאפיטאן פעראורטיילט צו תפיסה

פאר אריינפיהרען אונלעגאלע עולים קיין ארץ־ישראל

ירושלים (יט״א) אן׳אראבישער שיפס־קאפיטאן פון אן׳עגיפטישער שיפס־ליניע איז פער־אורטיילט געווארען אויף 5 חדשים תפיסה און עטליכע מאטראסען יעדער צו 2 חדשים תפיסה פאר פרובען אריינפיהרען קיין א״י א גרופע אונ־לעגאלע יודישע איינוואנדערער, וואס זענען גע־קומען מיט דער עגיפטישער שיף פון פארט סאיד.

די שיף איז פערהאלטען געווארען אין איינעם פון די א״י־פארטען ביז דער קאפיטאן וועט אפזיצען זיין שטראף. אויסער דער תפיסה־שטראף איז דער קאפיטאן אויך פעראורטיילט געווארען צו בעצאהלען 60 פונט געלד־שטראף. די יודישע איינוואנדערער זענען צוריקגעשיקט געווארען קיין עגיפטען.

וואס וועט געבעלס טוהן אין ווארשא?

ווארשא, 6־ (טעלעפאניש. דער היינטיגער „ווייעטשור ווארשאווסקי" שרייבט:

דער אנגעזאגטער וויזיט פון׳ם דייטשען מיניס־טער געבעלס אין ווארשא הערט נישט אויף צו איבערעסירען שטארק די פאליטישע קרייזען. דער דייטשער געזאנדטער אין ווארשא, פאן מאלטקע, געפינט זיך איצט אין בערלין, וואו ער רעדט ארום די פרטים פון געבעלסעס וויזיט אין ווארשא. צוזא־מען מיט געבעלסן, וועלען קומען צוויי הויכע בע־אמטע פון׳ם דייטשען פראפאגאנדע־מיניסטעריום. אינ׳ם פראגראם ווערט פארגעזעהן: א פרעסע־קאנ־פערענץ, א פארלעזונג פאר איינגעלאדענע געסט, א פריהשטיק ביים פראפ. זשעלינסקי און אוונד אן אויפנאהמע אין דער דייטשער געזאנדשאפט.

פאריז, 6. (ספ. טעל.) די היגע צייטונגען גיבען אן, אהן קאמענטארען בכלל, די דעפעשען פון ווארשא וועגען געבעלסעס וויזיט אין פוילען. לויט דעם אינהאלט פון די דעפעשען זאל דער וויזיט טראגען א ריין פריוואטען כאראקטער.

אין געגענזאץ פון דעם גיט די אגענץ „אינ־פארמאציאן" א גרויסע דעפעשע פון בערלין, וואס ענטהאלט דייטשע קאמענטארען אויף דעם וויזיט פון׳ם דייטשען מיניסטער אין פוילען.

„אינפארמאציאן" פערזיכערט אויפן יסוד פון בערלינער קוועלען, אז געבעלס פאהרט קיין ווא־רשא, בכדי אויפן ארט אפצוווענדען די מניעות, וועלכע שטעהען נאך אלץ דער אבסאלוטער דער־נעהנטערונג צווישען פוילען און דייטשלאנד, וואס וואלט געדארפט דערגרייכט ווערען דורך דעם נישט אגרעסיע־פאקט. די עקזיסטירענדע רייבונגען זעהען קודם כל בנוגע די פראגע פון דער נאציאנאלער מינדערהייט אין פוילען. פון וועלכער דייטשלאנד איז נישט צופרידען. אלס א צווייטע פראגע ווייזט די פראנצויזישע אגענץ אן אויף ווירטשאפטליכע ענינים.

צום מעהרסטען איז כאראקטעריסטיש דער סוף פון דער דעפעשע. אין וועלכער עס ווערט געזאגט: „שטרעבענדיג צו א דערנעהנטערונג מיט ווארשא שיקט די דייטשע רעגירונג ארויס אין דער הויפט־שטאט פון פוילען איינעם פון איהרע געשיקטעסטע פאליטיקער מיט דער שליחות ארומצורעדען מיט די מאסגעבענדע פוילישע פאקטארען די מעגליכקייט פון א גרינדליכערער דערנעהנטערונג צווישען ביי־דע פעלקער. אין בערלין הערשט די איבערצייגונג אז דער וויזיט פון געבעלסן אין ווארשא וועט ברענ־גען צו אן אויסגלייך פון פוילען און היטלערן אין די שטאנדפונקטען אויף די גרויסע פראבלעמען פון דער אייראפעאישער פאליטיק.

בערלין, 6. (ספ. טעל.) די דייטשע איבפאר־מאציע־ביורא פערעפענטליכט פאלגענדען קאמו־ניקאט:

אין נאמען פון דער פוילישער אינטעלעקטועלער אוניע האט דער פראפ. זשעלינסקי פערבעטען דעם דייטשען מיניסטער ד״ר געבעלס צו האלטען א רע־פעראט אין ווארשא.

דער מיניסטער וועט אויסנוצען די איינלאדונג און האלטען אין ווארשא א רעפעראט א.ד.ט.: „וועגען דער אידעאלאגיע פון בייעם דייטשלאנד", דער רעפעראט זאל געהאלטען ווערען דעם 13 ד.ח. אין דער אולא פון׳ם ווארשאווער אוניווערזיטעט. דער וויזיט פון געבעלסן אין ווארשא און קראקא וועט דויערען פונ׳ם 13 ביזן 15 יוני.

ראטעוועט אייער געזונט!

קראנקע אויף רופטורען (בורך־קראנקהייטען)

ספעציעלע ארטאפעדישע הייל־גומי־באנדאזשען פון מיין מעטאדע העלפען ראדיקאל אונטער גאראנטיע אהן אפעראציעס פון אלע מינים בורך־קראנקהייטען (רופטורען) אפילו די עלטעסטע און געפעהרליכסטע ביי מענער, פרויען און קינדער.

דאס אראפלאזען זיך פון מאגען און קישקעס בעזייטיג איך דורך פערלעגען ספע־ציעלע אינדיווידועל צוגעפאסטע בויך־באנדאזשען. אויך אויסגעקרימטע רוקען־ביין (הויקערס) ארטאפעדישע הייל־גארסעטען אויף ביינער־שווינדזוכט און אלע אנדערע פעהלערן ארטא־פעדישע הייל־אפאראטען אויף פלאטפוס.

ספעציעלע איינלאגען לויט גיפס־מאדעלען. אויך זשילאקעס־גומי־זאקען לויט מאס. קינסטליכע הענד און פיס

ספעציעלער אנשטאלט פאר הייל־ארטאפעדיע

Spec. Ortop. O. PETRYKIEWICZ אויס לעמבערג

לאדז, פיראמאוויטשא 9 (אלגינסקא)

(פראנט פארטער), טעל. 09־177 נאהנט פון לאדזער פאבריקס־באהנהויף

בעמערקונג: דאס ערשיינען פון די קראנקע איזאונבעדינגט נויטיג.

צאהלרייכע דאנקזאגונגען און דאנק־בריף.

(אין זגערזש אויף פלאמאצקא № 2 און № 4 אייגענע הייזער)

Dr. med.

Haltrecht

צוריקגעקעהרט

ספעציאל־ארצט פאר הויט־און געשלעכטס־קראנקהייטען

פיעטריקאווער 10, טעל. 131-86

נעמט אן פון 8—11 מיטאג און; פון 5—9 אוונט וזנטאג פון 10—1 בייטאג.

אלע ארט אנאליזען.

פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצע־פרייזן

Dr.

Wajnberg

ספעצ. פון לונגען, הארץ און סקלעראזו־קראנקהייטען

צוריקגעקעהרט

וואוינט יעצט פיעטריקאווער 145

טעל. 126-02.

נעמט אן פון 9—10 פריה, 3—4, 8—9 אוו.

די טראגעדיע פון אונזער כאראקטער

פראבלעם פון יודישען אנטיסעמיטיזם

דער בעקאנטער דענקער יחזקאל קויפמאן אין א"י האט איצט ווידער בעריהרט א דראסטישע פראגע, אונזער אייגענעם יודישען אנטיסעמיטיזם.

קודם א פירוש: אנטיסעמיטיזם, זאגט ער, הייסט נישט יודאפאביע, נאר די תורה, וואס בערעכטיגט די שנאה צו יודען. ער טייטשט אויס די יודען=שנאה מיט פאלשע פשטים, טראכט אויס אויף יודען בלבולים, בעשולדיגט יודען אין אזעלכע זינד, וועלכע זיי פערמאגען כלל נישט, אדער ווארפט ארויף אויפן כלל די זינד פון יחידים, משעפעט זיך סתם צו יודען ביי איטליכער קלייניגקייט — אבי מ'זאל דערפון קענען ארויסדרינגען די ריכטיגקייט און וויכטיגקייט פון דער שנאה צו יודען.

און וויבאלד אז אנטיסעמיטיזם און יאדאפאביע זענען נישט איינס און דאסזעלבע, קען טאמער אויך טרעפען, אז פון אנטיסעמיטישע הנחות זאל מען גאר קומען צו מסקנות פון ליבשאפט צו יודען. דער בעסטער יודענפריינד קען אננעמען די טעזעס פונם אנטיסעמיטיזם, נאר מאכען פון זיי א פריינדשאפטליכען אויספיהר, אז וויבאלד יודען זענען אזוי שלעכט, מוזען זיי זיך בעסערען פאר זייער אייגענער טובה=וועגען.

דער יודענפריינד איז מודה מיטן אנטיסעמיט, אז יודען זענען אליין שולדיג אין זייערע צרות און צוזאמען מיט יענעם טראכט ער אויס אויף יודען אלדאס בייז, פערגלעמיינט אויך א יודישען חסרון, אדער קוקט אויף איהם פון א פערגרעסער-גלאז, נאר ער פיהרט אויס, אז בכן מוזען יודען ווערען אזוי און אזוי, אדער טון דאס און דאס.

אנטיסעמיטיש זענען געווען די אמאליגע משכילים, וועלכע האבען אונטערגעחתמעט דעם בעשולדיגונגס=אקט געגען יודען און געפאדערט, אז יודען זאלען „תשובה טון", כדי זוכה צו זיין צו רעכט און גלייכקייט מיט אלע פעלקער.

מ'פלעגט זיך מכבד זיין יודען מיט אזא פארציע מוסר: מיר האבען א שלעכטע בעציהונג צו „נישט-גלויביגע" (זיי אבער זענען דאך פון אייביג אן געווען „טאלעראנט" צו נישט און אנדערש-גלויביגע...) יודען זענען שווינדלערס, דערי-בער האט מען אונז פיינט (ביי זיי אבער, כידוע, זענען דאך נישטא קיין שווינדלערס און א פשיטא אז נישט קיין שכורים און קיין רוצחים...) ביי אונז זענען נישטא קיין מייסטערס און קיין ארבייטערס. נאר אלע זענען מיר קרעמערס, סוחרים און פראצענטניקעס (ביי זיי אבער איז דאך נישטא אויף קיין רפואה קיין סוחר, קרעמער און פראצענטניק...)!

מיר גלויבען אין נארישקייטען (אין רביים), טראגען משונה'דיגע מלבושים און רעדען א מיאוסן זשארגאן (יודיש). זיי אבער גלויבען דאך נישט אין קיין מכשפים און כל'ערליי הייליגע, זענען אלע העכסט-געבילדעטע, מאדערן געקליידעט, מיט א שיינער ליטעראַרישער שפראך.

הכלל, דער יוד מוז זיך איבערגיסען!

דאס ערנסטע אבער איז, זאגט ער ווייטער ראס אויך דער נאציאנאלער געדאנק איז נישט פריי פונם אנטיסעמיטישען גיפט; נאכמעהר, די נאציאנאלע בעוועגונג גופא איז בעזירט אויף די פאלשע בעשולדיגונגען, גענומען פונם אנטיסעמיטיזם.

די טרעגערס פון נאציאנאלען געדאנק האבען נישט געפיהלט דעם מהות פונם גיפט מיט וועלכען זיי בענוצען זיך; האבען נישט געפיהלט, אז דער אנטיסעמיטישער שקר גרייפט אן קודם כל דעם יודישען פאלק גופא, אז נישט דעם גלות לערנען זיי פיינט האבען, נאר דעם פאלק.

ס'איז שוין הפקר געווארען און נישטא גאר קיין אפהאלט צו די שאנד-עפיטעטען פאר די גלות-יודען. דעם אנטיסעמיטישען לעקסיקאן פון דער העברעאישער ליטעראטור געפינט איהר נאר אין דער ערגסטער יודען-פרעסערישער ליטעראטור. פרישמאן, „יודישער לעבען — הינטישער לעבען, רופט ארויס עקעל". בערדיטשעווסקי: „נישט קיין פאלק, נישט קיין מענשען". ברענער: „ציגיינערס, הינט, שמוץ, עיפושדיגע בלאטע, קרעציגע הינט". א. ד. גארדאן: „פאראזיטען".

די אנטיסעמיטישע הנחה איז. אז דאס לעבען פון יודישען גלות איז א לעבען אהן מאראל, סיי אינ'ם נאציאנאלען און סיי איג'ם סאציאלען זינען. די גוים פלעגען אמאל בעשולדיגען יודען אין פיינד האבען בילדונג, קולטור, און ספעציאטיזם, און די משכילים האבען דערצו צוגעבאמקעט. נאכדעם האבען די גויים אנגעהויבען בעשולדיגען יודען, אז זיי יאגען זיך שוין צופיל נאך בילדונג, אסימילירען זיך צו שטארק — האבען שוין די מאדערנע יודישע נאציאנאליסטען צוגעבאמקעט צו די דאזיגע בעשולדיגונגען.

אמת, דער ציוניזם קען נישט פערווירקליכט ווערען אהן איבערבויען די סאציאלע סטרוקטור ביי אונזער פאלק. אבער די איצטיגע סאציאלע סטרוקטור איז דאך נישט קיין סיבה פון דער שנאה צו יודען, וועלכע איז א סך עלטער פון דער סטרוקטור, און א פאקט איז דאך, אז מ'האט פיינט אויך יודישע ארבייטער און פויערים. און פערקעהרט ווידער. גוישע סוחרים און קרעמערס ליידען גארנישט פון עמיצענס שנאה!

און דער שרייבער פיהרט אויס, אז מ'דארף פיינט האבען נאר דעם גלות, אבער נישט דעם יודען. די טראגעדיע ליגט נישט אין אונזער כאראקטער, נישט אין אונזערע מידות, נישט אין אונזערע געשעפטען און פרנסות, נאר בלויז איינציג און אליין אין אונזער פרעמדקייט, אין אונזער אבוואַרצעלדיגקייט. מיר דארפען שטרעבען צו א גאולה נישט פון דער זינד געגען דער עמיק, נאר א גאולה פונ'ם טראגישען אומגליק.

* * *

ס'איז זעהר אינטערעסאנט צו פערצייכענען די אויסניכטערונג פון איינעם פון די גרעסטע שוללי=הגלות, וועלכער האט זיך ארומגעזעהן, און שעהמט זיך נישט מודה זיין, אז א גרויסער טייל פון זיינע און זיינסגלייכיגע טעאריע זענען נאר פשוט'ער אנטיסעמיטיזם.

און געדענקען מיר דאך, ווי ה' גרינבוים האט דא ביי אונז, נאכ'ן לייענען א צעטעל חטאים אויף יודען, בפירוש געזאגט, אז דאס איז אנטיסעמיטיזם און אז מ'ר שעהמט זיך גארנישט דערמיט.

אבער אויך דער רעצעפט, צו פיינד האבען נאר דעם גלות און נישט דעם יודען, זעהט אויס, ווי צובּרעכען די פאס און היטען די ווײן.

מ'דארף בכלל נישט פיינד האבען, נאר דערקענען די שאטען-זייטען פונ'ם לעבען, כדי זיי צו פערבעסערן.

אט געפינט גאר איצט דער גלות שטארקע דעפעקטען אינ'ם א"י-לעבען; צי הייסט עס, אז מ'האט פיינד יענעם לעבען, צי יענע יודען? דאס הייסט בלויז, אז מ'קריטירט, כדי בעסער צו מאכען.

דער ציוניזם האט טאקי געזינדיגט, וואס ער האט געלערנט זיינע אדעפטען פיינד צו האבען. און אויסקויפען זיין זינד וועט ער דורכדעם, וואס ער וועט אנערקענען, אז ער איז געקומען נישט צו צושטערען, נאר צו דערגענצען"... פ. ס.

די שטימונג האט זיך געביטען

כאראקטעריסטישע סמנים אין דייטשלאנד

אין דער „נייער ציריכער צייטונג" איז די טעג געווען אפגעדרוקט אנ'ארטיקעל א. נ. „קריזיס פון די שטימונגען אין דייטשלאנד". דער ארטיקעל, וועלכער איז געבויט אויף די אינפארמאציעס פון דער דייטשער פרעסע און פון די שווייצארישע בעאבאכטער, וועלכע האבען זיך פון דער נאהענט בעקענט מיט'ן לעבען אין דריטען רייך, ווארפט א העל ליכט אויף די געביטענע שטימונגען, וואס קומען נאך די ערשטע ענטוזיאסטישע כוואליעס פון נאציאנאל-סאציאליזם.

לויט ווי עס האלט די „נייע ציריכער צייטונג" האט די קאמפאניע, וועלכע געבעלס האט איצט אנגעהויבען געגען די „פעסימיסטען-קריטיקאסטער-מורמלערס" אנ'ערנסטען פאקטישען גרונד. קודם כל איז אין דייטשלאנד פערשוואונדען דער ענטוזיאזם וועלכע איז אהן ספק געווען אין דער ערשטער צייט פון נייעם רעזשים. דער פראפאגאנדע=רעסארט בעמיהט זיך מיט אלע מעגליכקייטען קונציג אויפצוהאלטען די פאלענדע שטימונגען, אבער די מיטלען העלפען נישט. די בעפעלקערונג איז מיד פון דעמאנסטראציעס, און אויב די בעגייסטערונג איז איבערהויפט א מצב פון דער מענשליכער נשמה, דאן קאן מען אזא צושטאנד נישט שטענדיג קאנסערווירען. ווייל דאס איז ווי א מאסע, וואס ווערט גאר אינגיכען קאליע.

בויען דעם ענין פון ראדיקאלע רעפארמען אויף ענטוזיאזם פון די דייטשע מאסען ווייזט זיך שוין ארויס פאר אונמעגליך.

דער שווייצארישער ארגאן קאנסטאטירט, אז אין די ברייטע מאסען פון דער דייטשער בעפעלקערונג, וועלכע פלעגען אונטערשטיצען די נייע ערע, איז געקומען אנ'אויסניכטערונג און ענטוישונג. לויט ווי עס שרייבט דער מחבר פון דעם ארטיקעל, איז אין ערשטען יאהר פון רעזשים פיל געטון געווארען אין סאציאלער און עקאנאמישער הינזיכט. אזוי איז די ווינטער-הילף, דאס שאפען ארבייט, אבער די אלע דערגרייכונגען זענען נישט אין קיין שום מאס נאהענט צו דעם, וואס מען האט אין דייטשלאנד ערווארט פון נייעם רעזשים.

דארט האט מען געגלויבט, אז עס וועט געשעהן א וואונדער נישט בלויז פון פאליטישער און מאראלישער אויפלעבונג, נאר אויך פון עקאנאמישער. אין אט דער נס איז נישט געשעהן. עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז די עקאנאמיק אין דייטשלאנד קאן נישט באין אופן געבויט ווערען אויפ'ן פרינציפ פון פולשטענדיגער אומאפהענגיגקייט פון אנדערע לענדער. דער אלגעמיינער וועלטקריזיס און די נעגאטיווע בעציהונג פון די אויסלענדישע מלוכות צו איינציגע דייטשע עקספארטמעטאדען ווירקט גאנץ בעשטימט אויף דער ווירטשאפטליכער לאגע פון דייטשלאנד. אויף דער אינטערנאציאנאלער ארענע איז די לאגע פון דייטשלאנד נישט בלויז געווארען בעסער, נאר פערערגערט. דאס פיהלען איצט אלע, וועלכע האבען ערווארט כלערליי גוטס פון דעם נאצי-רעזשים. דערפון נעהמט זיך די קריטיקאנעריי, די אונצופרידענהייט, אט די „מיעסמאכעריי", געגען וועלכער געבעלס האט ערקלערט זיין פעלדצוג.

העכסט אינטערעסאנט איז די בעאבאכטונג פון דעם שווייצארישען בלאט וועגען דער שפאלטונג צווישען די בירגערליכע קרייזען, וואס געהערען צו דער אינטעליגענץ און די מאסען שטור מיסטען, וואס געהערען צו די ארבייטער-קרייזען, צו די אזוי גערופענע קליינע מענשען.

די אינטעליגענץ הויבט אן אויסצודריקען איהר אונצופרידענהייט מיט דער גלייכשטעלונג, צוליב דעם, וואס די הויכע קולטור פון די דאזיגע קרייזען ווערט ניוועלירט און גלייכגעשטעלט מיט' אלגעמיינעם מצב פון די קרייזען, צווישען וועלכע דער אינטעליגענץ קומט אויס צו ווירקען.

פון דער אנדערער זייט הערט מען צווישען די נידריגערע שיכטען פון די נאציאנאל=סאציאליסטען שטימען פון אונצופרידענהייט מיט די פרעטענציעס פון די הערשאפטען, מיט דער שטאלצקייט פון די מענשען, וואס רעכענען זיך צו צו דער הויכער געזעלשאפט און וועלכע פערשטייען נישט דעם סאציאליזם, וועלכער איז אנ'עלעמענט פון דער נייער בעוועגונג.

ווייטער הויבט שוין אן צו שאקירען די טעאריע און אידעאלאגיע וועגען בלוט, וועגען ראסען-ריינקייט. די פארשטעהער פון דער וויסענשאפט, וועלכע ווייסען דאך וואסער שווינדעל עס ליגט אונטער דער דאזיגער טעאריע בעהאלטען. די אונאכטונג צום אונאפהענגיגען געדאנק. די שטרעבונג ארייגצושטויסען דעם געדאנק אין די ענגע ראהמען פון דער נאציאנאל-סאציאליסטישער תורה. בעזונדערס די רעליגיעזע פערפאלגונגען. דאס אלץ ווערט וואס ווייטער אלץ פיינליכער עמפינדען דורך דער אינטעליגענץ. וועלכע הויבט אן איינצוזעהן צו וואס עס ווערט דערגראדירט די דייטשע קולטור.

די אלע ערשיינונגען זענען דערווייל נאך נישט אינגאנצען קלאר. אבער די אפקלאנגען פון אזעלכע שטימונגען קאן מען שוין געפינען אפילו אין דער גלייכגעשאלטעטער דייטשער פרעסע. אפילו אין אזא געטרייען בלאט, ווי די רייכסוועהר פון גראף רעווענטלאוו.

אט דאס זענען די אבסערוואציעס, וואס שטאמען פון קוואלען, וועלכע נישט פיינדליכע צום איצטיגען דייטשלאנד.

דער קריזיס פון די שטימונגען קאן זיך אויסדריקען אויף דרויסען נישט אינגיכען, נאר שטימונגען מוזען זיין שוין אפען און בולט און דערמיט ערקלערט זיך די קאמפאניע, וועלכע געבעלס האט אונטערגענומען געגען די אונצופרידענע און מורמלער (און פערשטייט זיך געגען די יודען).

„קריג — די נאציאנאלע אינדוסטרי פון פרייסען"

פרעסע-שטימען וועגען דער רעדע פון בארטו

די רעדע, וועלכע בארטו האט געהאלטען אויף דער קאנפערענץ אין זשענעווע, ווערט זעהר הויך געשאצט אין דער פראנצויזישער פרעסע.

„פטי זשורנאל" קאנסטאטירט, אז בארטו האט גערעדט מיט דער שפראך, וועלכע איז אנגעווענדט פאר זשענעווע, וואו אלע זענען געוואוינט צו גייען אויף די שפיץ פינגער. עס איז אנגענעהם געווען צו זעהען, ווי קיינער האט איהם צוליב דעם נישט בעשולדיגט. פערקעהרט, אפילו די, וועלכע זענען מיט איהם נישט מסכים, זענען איהם געווען דאנקבאר פאר דער קלאהרקייט פון זיין ארויסטרעטונג.

די רעדע פון בארטו, שרייבט די צייטונג, איז די וויכטיגסטע געשעהניש אין דער געשיכטע פון פעלקער-בונד.

„פטי פאריזיען" שטרייכט אונטער דעם אונטערשיד צווישען די רעדעס פון בארטו און ענגלישען מיניסטער סיימאן. דער פראנצויזישער אויסערן מיניסטער האט איבערגעריסען מיט דער רעדע די טראדיציעס פון די זשענעווער אינסטיטוציעס. ער האט ארויסגערופען צו זיך אויפמערקזאמקייט באמת איינגעוועהנליכע.

דער זשענעווער קארעספאנדענט פון דער דערמאנטער צייטונג האפט, אז דער שיינער רעדע פון בארטו וועט געלינגען צו גאלוואניזירען דעם ווילען פון איינציגע מלוכות און צוציהען אויף דער זייט פון פראנקרייך די נייטראלע מלוכות, וועלכע מען האט ביז איצט איהר געפרובט ענטגעגענשטעלען.

די ענגלישע פרעסע האט זיך צו דער רעדע פון בארטו בעצויגען קאלט. „דיילי טעלעגראף" שרייבט, אז דער פארשטעהער פון פראנקרייך האט גענוי גערעדט וועגען די פערשידענע ענטוואפנונגס-פראיעקטען, אבער די אלע פראיעקטען האבען געליטען פון איין חסרון: פאר דייטשלאנד זענען זיי נישט אננעהמבאר.

„מארנינג פאסט" טרעט ארויס פאר דער מעכטיגער רעדע פון. בארטו די צייטונג האלט, אז אלע אונערפאלגען פון דער ענטוואפנונגס=קאנפערענץ קאן מען ערקלערען דער עיקר מיט דער אויפפיהרונג פון דייטשלאנד. וועלכע האט דערוועקט דעם אלגעמיינעם אונצוטרוי.

אויפגעבראכט איז די בערלינער פרעסע די „בערלינער בערזען-צייטונג" טייטשט אויס די רעדע פון בארטו זעהר איינפאך:

דער פראנצויזישער אויסערן מיניסטער ווארפט אפ דעם פרינציפ פון גלייכבערעכטיגונג צוליב מיליטערישע טעמים. זיין רעדע איז געווען געהאלטען אין נאמען פון דער פראנצויזישער שווערער אינדוסטריע, וועלכע איז פעראינטערעסירט אין קריג.

די צייטונג בעמערקט, אז די ווערטער פון מיראבא, וועלכע בארטו האט ציטירט: „דער קריג דאס איז די נאציאנאלע אינדוסטריע פון פרייסען", זענען אין דער אפיציעלער סטענאגראמע פון דער רעדע אויסגעשטראכען.

„בערלינער בערזען צייטונג" שרייבט:

קיין פרייסישער גייסט איז איצט אין דייטשלאנד נישטא. דאס לאנד איז ארומגענומען פון דעם איינציגען גערמאנישען גייסט. אבער מען דארף נישט פערגעסען, אז דער פרייסישער גייסט האט בשעתו פערטיידיגט דייטשלאנד אויף דער דייטשער טעריטאריע. און ער האט נישט שפעקולירט מיט מענשליכע לעבענס אויף דער בערזע. ער האט זיך געכאפט צום געוועהר צוויי מאל, אין יאהר 1870 און אין 1914, נאכדעם, ווי דער קריג איז איהם נעוואָרען אנגעווארפען.

„בערלינער טאגעבלאט" און „לאקאל אנצייגער" שטרייכען אונטער דעם יד אחת צווישען בארטו און ליטווינאוו'ן, שרייבענדיג:

דער פראנצויזישער אויסערן מיניסטער און דער סאוויעטישער קאמיסאר פאר אויסערליכע ענינים האבען זיך פעראייניגט, וועלענדיג אנווענדען געגען דייטשלאנד גראבע געוואלד.

נייער פאָלקסבלאַט

דאָס לאָדזער לעבען

נייער פאָלקסבלאַט

דאָנערשטאַג
כד
7
סיון תרצד

יוני

זון-אויפגאַנג 3.17
זון-אונטערגאַנג 7.52

מאָרגען דער לעצטער טאָג
פון אַריינטראָגען פּראָטעסטען געגען די וואַהלען

מאָרגען פרייטאַג, איז דער לעצטער טאָג, ווען מ'קען לויט'ן וואַהל-רעגולאַמין אַריינטראָגן פּראָטעסטען געגען די פאַרגעקומענע וואַהלען אין די בעזונדערע וואַהל-קרייזען.

ביז איצט זענען נאָך נישט אַריינגעטראָגן געוואָרען קיין שום פּראָטעסטען, הגם אין פערשידענע וואַהל-קאָמיטעטן רעדט מען וועגען אַריינטראָגן פּראָטעסטען מכוח די וואַהלען אין 1., 4., 8., 9. און 10. וואַהל-קרייזען.

אויב אַזעלכע פּראָטעסטען וועלען הייַנט אָדער מאָרגען אַריינגעטראָגן ווערען, וועט די הויפּט-וואַהל-קאָמיסיע די דאָזיגע פּראָטעסטען איבערשיקען אין דער וואָיעוואָדזטווע, ביז מאָנטאַג, דעם 11. יוני, דעמאָלט וועט די הויפּט-וואַהל-קאָמיסיע אויפהערען צו אַמטירען.

אויב ס'וועלען אַריינגעטראָגן ווערען פּראָטעסטען וועט דאָס אָפּהאַלטען פון צונויפרופען די ערשטע זיצונג פון שטאָט-ראַט.

היט אייך פאַר טיפוס!
הייַנט אַ פּראָפּאַגאַנדע-טאָג — פאָרלעזונגען — שמועסן — פּלאַקאַטן — זייף פאַר אונבעמיטעלטע קינדער — מאָרגען אין „נייעם פאָלקסבלאַט" אַן אַרטיקעל פון ד"ר מ. וואָלפסאָן וועגען טיפוס

(א) הייַנט ווערט אין אונזער שטאָט דורכגעפיהרט אַ גענעראַל-אַקציע פאַר פּראָפּאַגאַנדע געגען טיפוס. די אַקציע ווערט געפיהרט דורך דער געזונדהייטס-אָפּטיילונג ביים מאַגיסטראַט.

די אַקציע בעהט אונטער'ן נאָמען „אַ טאָג געגען טיפוס"!

די אַקציע איז צוגעשניטען אויף אַ ברייטען אופן.

די געזונדהייטס-אָפּטיילונג האַלט, אַז דאָס וויכטיגסטע געוועהר געגען טיפוס, איז דאָס אויפקלערען דער בעפעלקערונג איבער דער נויטיגקייט אָפּצוהיטען די גהעריגע פּאַרזיכטיגקייט און פאָרשריפטען, וואָס זענען נויטיג ביים פערהיטען זיך פון טיפוס.

אין דער ערשטער רייה דאַרף מען זיין פאָרזיכטיג ביים עסען רויהע פרוכטען, גרינס און מילך. דערביי דאַרף מען אָפּהיטען די ווייטגעהענדסטע היגיענע. אויף די מיערען פון שטאָט זענען אויסגעקלעבט פּלאַקאַטען און אַפישען, וועלכע ענטהאַלטען אויפקלערונגען איבער דער טיפוס-קראַנקהייט, וועגען דער ענטוויקלונג און פאָלגען פון דער קראַנקהייט. ווייטער ווערען דאָרט געגעבען אָנווייזונגען ווי אַזוי זיך צו פערהיטען פון דער דאָזיגער שרעקליכער קראַנקהייט.

אחוץ דעם זענען פערשפּרייט געוואָרען ספּעציעלע פלוג-בלעטער מיט דער געהעריגער אויפקלערונג. מען טאָר נישט עסען קיין נישט אָפּגערייניגטע רויהע פרוכטען און גרינס.

אין אַלע שולען וועלען די לעהרער הייַנט האַלטען רעפעראַטען פאַר די שילער וועגען דער טיפוס-קראַנקהייט און פערהיטונגס-מיטלען. אין די מיטעל-שולען וועלען ספּעציעלע דאָקטוירים האַלטען פאָרלעזונגען פאַר די שילער וועגען דער פערהיטונג פון דער טיפוס-עפּידעמיע.

אין אַ סך ראַיאָנען פון שטאָט ווערען איינגעאָרדנעט פאָרלעזונגען פאַר די ברייטע מאַסען, זיי זאָלען וויסען וועגען דער וויכטיגקייט פון היגיענע, ביים פערהיטען זיך פון טיפוס.

אין די פאָלקס-שולען וועט די געזונדהייטס-אָפּטיילונג פערטיילען פאַר די אָרימע שילער צו שטיקלעך זייף, כדי זיי זאָלען האַלטען ריין זייערע קערפּערס.

* * *

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פּראָפּאַגאַנדע-אַקציע אינם קאַמף געגען טיפוס-עפּידעמיע, דרוקט „נייער פאָלקסבלאַט" אין מאָרגענדיגען נומער אַ ספּעציעלען אַרטיקעל, פון אונזערען חשוב'ן מיטאַרבייטער ד"ר משה וואָלפסאָן, געווידמעט די פערהיטונגס-מיטלען פון דער טיפוס-קראַנקהייט. ד"ר וואָלפסאָן ווערט פערעכענט פאַר איינעם פון די בעסטע ספּעציאַליסטען פון דער טיפוס-קראַנקהייט און איז אויך ווי בעקאַנט דער לייטער פון דער טיפוס-אָפּטיילונג אין ראַדאָגאָשטשער שפּיטאָל. זיינע אָנווייזונגען וועגען דער טיפוס-קראַנקהייט ציהען דעריבער אַ בעזונדערע אויפמערקזאַמקייט.

ווידער אונטערגעוואָרפענע יוד. קינדער
צו דער אויפמערקזאַמקייט פון דער קהלה

ערשט נעכטען האָבען מיר איבערגעגעבען אַ געשיכטע מיט אַן אונטערגעוואָרפען יודיש קינד אויף פּאָמאָרסקאַ גאַס, וועלכעס מ'האָט סיי אין דער גמינע, און סיי ביי קיין שום מורה-הוראה נישט געוואָלט צונעהמען ביז די פּאָליציי האָט עס ערשט אַוועקגעשיקט אין אַ שטאָטיש פינדעלהויז און איצט קענען מיר ווידער איבערגעבען אַ נייע געשיכטע מיט 4 קינדער, וועלכע מ'האָט עהרע נעכטען געפינען אין גאַס.

דאָס זענען 3 יונגלעך און אַ מיידעל, ברידער און אַ שוועסטער, וועלכע זייער מוטער האָט געלאָזען אין מיטען גאַס און איז אַוועק. די קינדער זענען מיט יודישע היטלעך און אַרבע-כנפות'ער. די 4 וויינענדע קינדערלעך האָבען נישט געוואוסט צו געבען קיין שום אינפאָרמאַציע וואו זייער מוטער געפינט זיך, וואו זיי וואוינען און פון וואַנען מ'האָט זיי געבראַכט.

מיט די קינדער פערשטעהט זיך האָבען זיך פעראינטערעסירט די יודישע דורכגעהער און ווי געוועהנליך האָט זיך אָנגעהויבען אַ וואַנדערונג פון גמינע צום ראַבינאַט, פון ראַבינאַט צו דער גמינע, דאַן צו די ענצעלנע מורה-הוראות. אָבער פון אומעטום האָט מען די מענשען מיט די קינדער פשוט געטריבען און אין ערגיץ נישט אַריינגעלאָזען. קוים מיט צרות האָט זיך איינגעגעבען צו בעקומען פון דער קהלה 10 זל., אַז די קינדער זאָלען קענען בעקומען צו עסען און איין נאַכט איבערנעכטיגען. נעכטען האָט די פרוי, ביי וועלכער די קינדער האָבען איבערגענעכטיגט, נישט האָבענדיג קיין אַנדער עצה, אָפּגעפיהרט זיי אין קאָמיסאַריאַט פון וואַנען מ'האָט די קינדער אָפּגעשיקט אין די שטאָטישע קריסטליכע ערציהונגס-אַנשטאַלטען.

אויף דעם ענין לוינט זיך אַ ביסעל לענגער זיך אָפּצושטעלען. מיר פערשטעהען די לאַגע פון דער קהלה, אויב מ'וועט זיך דערוויסען, אַז די קהלה אָרדענט איין אונטערגעוואָרפענע קינדער, וועלען אַזעלכע פאַלען זיין זעהר אָפט און די קהלה וועט האָבען יעדען טאָג צו טון מיט אונטערגעוואָרפענע קינדער און דער בודזשעט קען נישט זיין גענוג דערויף. אָבער דאָס איז בשום אופן נישט קיין אויסרייד. עס מוז סוף-כל-סוף איינגעפיהרט ווערען אָרדנונג אין דעם ענין. די יודישע קינדער, וועלכע קומען אַריין דורך דער פּאָליציי אין קריסטליכע פינדעל-הייזער, טאָרען נישט בעלד פערגעסען ווערען דורכ'ן ראַבינאַט און דורך דער קהלה. דאָ מוז די קהלה עפּיס טון. צו דורך איינטערהאַנדלונגען מיט דער שטאָט-פערוואַלטונג וועגען אַ ספּעציעלען אָרט פאַר די יודישע אונטערגעוואָרפענע קינדער, מוז עס זיין אפילו דורך אַ ספּעציעלער קהלה'שער סובסידיע, אָדער דורך אַנדערע מיטלען טאָרען די דאָזיגע קינדער נישט אַרויסגעהען פון אונטער דער אויפזיכט פון דער קהלה און ראַבינאַט ביז די מוטערס, אָדער אַנדערע משפחה מיטגלידער פון די קינדער וועלען זיך אויסגעפינען.

גלאַט טרייבען, אָדער אַראָפּצוּוואַרפען אַן עול פון קאָפּ, איז זיכער נישט קיין סיסטעם.

פּראָצעס פאַר אַ גנבה ביים רעיענט זשעוסקי
דער וואָזשני מיט זיין ווייב אויף דער בעשולדיגונגס-באַנק

(א) דעם 16. פעברואַר ה. י. האָט דער רעיענט זשעוסקי בעמערקט, ווען ער איז אַריין אין דער פּריה אין זיין קאַנצעלאַריע, אַז מען האָט אויסגעפיהרט אַ גנבה ביי איהם און באַלד האָט ער פעסטגעשטעלט אַז מען האָט פון זיין געשלאָסענער קאַסע אַרויסגעגנבעט 5.300 זל. זשעוסקי האָט וועגען דער גנבה מודיע געווען דער פּאָליציי. גלייכצייטיג האָט ער בעמערקט אַז זיין וואָזשני יוזעף קאָנסטאַנטי איז נישטאָ אין קאַנצעלאַריע. פּאָליציי האָט אויך געלעגט אויף דעם אַכט און מען איז אַוועק איהם אויפזוכען. ערשט האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז דער וואָזשני איז בעלם געוואָרען צוזאַמען מיט זיין ווייב, אַזוי אַרום איז מען געקומען אויפ'ן חשד אַז דער וואָזשני האָט אויסגעפיהרט די גנבה.

פּאָליציי האָט באַלד פונאַנדערגעשיקט פערפאָלגונגס-בריף וועגען ענטלאָפענעם וואָזשני.

דעם 18-טען פעברואַר האָט די פּאָליציי אין קאַטאָוויץ פערהאַלטען אַ פּערשוין אין דער געזעלשאַפט פון אַ פרוי און זיי ביידען האָט פּאָליציי דערקאַנט די פערפאָלגטע. לויט די פאָטאָגראַפיעס פון די פערפאָלגונגס-בריף. זיי זענען גלייך פערהאַלטען געוואָרען, הגם זיי האָבען געהאַט דאָקומענטען אויף פרעמדע נעמען, די קאַטאָוויצער פּאָליציי האָט זיך וועגען דאָזיגען אַרעסט פערשטענדיגט מיט דער לאָדזער פּאָליציי און די אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט אַז די פערהאַלטענע זענען דאָס טאַקע דער ענטלאָפענער וואָזשני און זיין ווייב, און מען האָט זיי ביידען איבערגעפיהרט קיין לאָדז.

דער אַרעסטירטער וואָזשני האָט מודה געווען אין דער גנבה און האָט אויך זיך מודה געווען, אַז ער האָט געפעלשט זיינע דאָקומענטען.

פאַר פעלשען זיינע דאָקומענטען איז דער אַרעסטירטער שוין געווען פערמשפט דורכ'ן לאָדזער קרייז-געריכט אויף 8 חדשים. תפיסה.

נעכטען זענען מאַן און ווייב געזעסען אויף דער בעשולדיגונגס-באַנק אין קרייז-געריכט פאַר אויספיהרען די גנבה ביים רעיענט זשעוסקי. דער בעשולדיגטער האָט זיך אין געריכט מודה געווען אין דער גנבה און האָט זיך פערטיידיגט דערמיט, וואָס ער האָט געליטען בהיט, ער האָט פערדינט אין דער קאַנצעלאַריע 70 זל. אַ חודש, ער האָט אָבער אויך געהאַט אַ שטיקעל מסחר מיט פּאַפּיראָסען אין אַ בודקע.

זיין ווייב האָט זיך אויך מודה געווען, ערקלערענדיג אַז זי האָט צוגעהאָלפען צו דער גנבה, ווייל דער מאַן איהרער האָט זי דערצו אָנגערעדט.

בעת די פערהאַנדלונגען אין געריכט האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז ביים אַרעסטירען דאָס פּאָרל האָט מען ביי זיי געפונען צוויי טויזענד זלאָטעס. די רעשט האָבען זיי בעוויזען אויסצוגעבען.

דאָס געריכט האָט אַרויסגעגעבען אַן אורטייל לויט וועלכען דער בעשולדיגטער וואָזשני איז פערמשפט געוואָרען אויף צוויי יאָהר תפיסה און זיין ווייב אויף אַ יאָהר תפיסה.

דער פערשוואונדענער דוד פריימאַן
איז פערהאַלטען געוואָרען אין גדיניע

(2) די לאָדזער אויספאָרשונגס-מאַכט איז מיט עטליכע טעג צוריק איבערגעמאַלדען געוואָרען וועגען דעם, אַז אויף אַ געהיימניספולען אופן איז פערשוואונדען געוואָרען דער 16-יעהריגער דוד פריימאַן, אַ זוהן פון אַ סוחר פון שענקעוויטש גאַס.

נאָך פריימאַנס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרען שטעק-בריף. נעכטען איז דער 16-יעהריגער פריימאַן פערהאַלטען געוואָרען אין גדיניע. פון וואַנען ער האָט געוואָלט מיט דער שוועדישער האַנדעלס-שיף „קיעל" זיך אַריינבעקומען קיין אַמעריקאַ. ערב דעם אָפּפאָהרען פון דער שיף איז פריימאַן פערהאַלטען געוואָרען און אָפּגעגעבען אין די הענד פון דער פּאָליציי. נעכטען איז ער אָפּגעשיקט געוואָרען אונטער אַ פּאָליציי-וואַך קיין לאָדז.

פּאָבאָר פון יאָהרגאַנג 1913

מאָרגען, פרייטאַג, דעם 8 יוני ה. י. 8 אינדערפריה דאַרפען זיך שטעלען צו דער מיליטער איבערזיכט פאַר דער פּאָבאָר-קאָמיסיע נומער 1, (פּיעטריקאָווער 89) די פּאָבאָר-פליכטיגע פון יאָהרגאַנג 1913, וואָס וואוינען אויפ'ן שטח פון 8 קאָמיסאַריאַט מיט די אותיות:

M P R Sz

פאַר דער פּאָבאָר - קאָמיסיע נומער 2 פּיעטריקאָווער 89) קוועראָפיצינע צווייטער שטאָק די פּאָבאָראָוצעס פון יאָהרגאַנג 1913, וואָס וואוינען אויפ'ן שטח פונ'ם 13 קאָמיסאַריאַט מיט די אָנפאַנגס-אותיות:

O P R Sch Sz Ś

די פּאָבאָראָוצעס דאַרפען האָבען ביי זיך אַ פּערזענליכען דאָקומענט, אָדער אַן אידענטיטעטס-שיין מיט אַ פאָטאָגראַפיע, אַ רעגיסטראַציע-שיין, אַן אַדראַטשעניע-קאַרטע, אַ שול-שיין און אַ פּאַך-בעשטעטיגונג.

21,358 אַרבייטסלאָזע אין לאָדז

(2) לויט די ידיעות פון מלוכה'שען אַרבייטס-פערמיטלונגס-אַמט זענען דעם 3 יוני געווען אין לאָדז 21358 פערעגיסטרירטע אַרבייטסלאָזע, לויט דער פאָריגער וואָך איז די צאָהל אַרבייטסלאָזע געוואַקסען מיט 314 אַרבייטסלאָזע.

ליקווידירט דעם שטרייק פון וועש-נייהערינס

(אג) די לעצטע וואָך איז אויסגעבראָכען אַ שטרייק פון די וועש-נייטאָרינס, וואָס אַרבייטען פאַר די מאַגאַזינען. דער שטרייק איז אויסגעבראָכען צוליב די אויסערגעוועהנליכע שווערע בעדינגונגען אין וועלכע זיי אַרבייטען און די נידריגע לוינען. וועש-נייהערינס האָבען געפאָדערט אַ הוספה פון 15 פּראָצענט.

דער שטרייק איז זעהר שנעל ליקווידירט געוואָרען די מאַגאַזינערען זענען מסכים געווען אויף 9-שעה'דיגען אַרבייטס-טאָג. דאַגעגען האָבען זיי אָפּגעוואָרפען די הוספה-פאָדערונג.

אוגערקע-סעזאָן אין דער קאַמגאַרן-בראַנזשע

(אג) אין דער קאַמגאַרן בראַנזשע איז דער זומער סעזאָן שוין פולשטענדיג פערענדיגט. צוליב דער נישט ניגסטיגער קאָניונקטור אין דער אינדוסטריע פון פערטיגע סחורות איז דער סעזאָן אין דער בראַנזשע פון קאַמגאַרן געווען נישט קיין גוטער. איצט הערשט אין דער דאָזיגער בראַנזשע שוין דער אוגערקע סעזאָן לויט דער מיינונג פון די היגע הורטאָווניקעס איז איצט שווער צו פינאַליזירען, ווייל די קאָנקורענץ צווישען די שפּינער איז זעהר גרויס. די פרייזען אויף קאַמגאַרן-גאַרן זענען עטוואָס שוואַכער, אָבער דאָס האָט אויך נישט קיין השפּעה אויף דער פערגרעסערונג פון דער נאָכפראַגע. די פערקויף בעדינגונגען זענען אינדיווידועלע, אין רוב פאַלען איז אָבער גענומען געוואָרען אַ וועקסעל פון 60 טעג.

אַפּטייקען
הייַנטיגע נאַכט-דיזשורען

(2) הייַנט ביינאַכט דיזשורירען: מ. קאָצפערקיעוויטש (זגערזשער 54), י. סיטקיעוויטש (קאָפּערניקאַ 26), י. זונדעלעוויטש (פּיעטריקאָווער 25), ס. באַיאַרסקי און וו. שאַט (פּשעיאַזד 19), מ. ליפּיעץ (פּיעטריקאָווער 193), ריכטער און לאַבאַדאַ 11 ליסטאָפּאַד 86).

פאָהרען קיין ארץ-ישראל
אינפאָרמאַציעס אין „תוצרת-הארץ"
שרודמיעסקאַ 3.

ווער קען פערלירען די פוילישע בירגערשאפט

אויפקלערונג פון דער סטאראסטווע

(2) אין צוזאמענהאנג מיט די פיל אנפראגען טיילט מיט די לאדזער סטאראסטווע, אז אויפ'ן סמך פון די פארשריפטען קען מען אין פאלגענדע פאלען צונעהמען די בירגערשאפט 1) ווער ס'האט פערלאזען דאס פוילישע מיליטער און געפינט זיך איצט אין אויסלאנד ; 2) ווער ס'האט פערלאזען די פוילישע גרעניצען, כדי אויסצומיידען מיליטער-דינסט און 3) ווער ס'וואוינט שטענדיג אין אויס=לאנד און אין פערלויף פון 3 חדשים זייט ער האט בעקומען אנ'אויפפאדערונג זיך צוצושטעלען צום מיליטער=דינסט האט ער זיך נישט פערשריבען צום קאנסול אדער צו דער געהעריגער מאכט אין לאנד.

מעמאריאל פון די בעקער=צעכען

וועגען מעכאניזירען די בעקערייען

(2) ווי מיר דערוויסען זיך האבען די בעקער־צעכען אין לאדז ארויסגעשיקט א מעמאריאל צום מיניסטעריום וועגען דער שווערער לאגע פון די בעקערס צוליב דעם שטרענגען בעהאנדלען די פאר־שריפטען וועגען דער אויפזיכט איבער'ן אויסבאקען געבעקס.

אין מעמאריאל פערלאנגען די בעקערס צו נאך־וועליזירען די דערמאנטע פעראָרדנונג אין דעם זין, אז דעצייזיעס וועגען פערמאכען בעקערייען זאל קענען ארויסגעבען נאר די וואיעוואדזטווע, נאך נאכ־דעם, ווי עס וועט האבען די מיינונג פון דער האנדעל־וועדקער־קאמער.

ווייטער פאדערען די בעקערס אין מעמאריאל אפצולעגען אויף פינף יאהר, די פארשריפטען וועגען מעכאניזירען די בעקערייען, ווייל דאס איינפיהרען אין איצטיגען מאמענט די מעכאניזאציע, וואלט פערלאנגט גרויסע קאפיטאלען. די בעקערס קענען זיך דערויף אין איצטיגען מאמענט בשום אופן נישט ערלויבען.

געגנב'עט ברויט פאר זיין קראנקע מוטער און הונגעריגע קינדער

(א) אין שטאט־געריכט איז נעכטען פארגע־קומען דער פראצעס געגען 19־יעהריגען אנטאני ביעלאוסקי, וועלכער איז בעשולדיגט געווארען אין גנבה.

דעם 21. מערץ ה. י. האט זיך ביעלאווסקי אריינגעקריגען אין דער בעקעריי פון באלעסלאוו יאנטשיק און פון דארט ארויסגעגנב'עט צוויי ברויט מען האט איהם אבער בעמערקט און ארעסטירט. דאס ברויט האט מען ביי איהם אפגענומען און פערפיהרט א פראצעס.

אין געריכט האט זיך דער בעשולדיגטער פער־טיידיגט דערמיט, וואס ער האט געגנב'עט דאס ברויט פאר זיין קראנקע מוטער און הונגעריגע קינדער. נישט קענענדיג מעהר צוקוקען דעם הונ־גער פון זיבען באהעפטע. האט ער בעשלאסען צו־גנב'ענען ברויט. ער פערזיכערט אין געריכט, אז נישט קוקענדיג, וואס ער אליין האט אויך גע־הונגערט, וואלט ער פונדעסטוועגען פאר זיך אליין נישט געגנב'עט. די הונגעריגע קינדער האבען געוויינט פון הונגער און די קראנקע מוטער האט זיך געפייניגט פון הונגער.

דאס געריכט האט דעם בעשולדיגטען בע־שטראפט מיט 2 וואכען ארעסט, אפלעגענדיג דאס אויספיהרען די שטראף אויף 2 יאהר.

טעאטער „ראזמאיטאשטשי" ציגעל-גאס 27
טעל. 112-25

סירצליך גאסטשפילען פון
אלעקסאנדער גראנאר
פרעמיער פון ריינהארד'ס טעאטער צוזאמען מיט זיין פארטנערין העלענא
בארקאווסקא אין זיין ערפאלג-פיעסע פון ד"ר וואלף מחבר פון „ציאנקאלי"
„די געלע ראטע"
געשפילט אין די ווייטערע מורעות.

בעזוך פון די אויסלענדישע אגודה=געסט

אין פועלי אגודת ישראל=סבויץ אין לאדז

שוין איינגע טעג ווי עס ווײלען ביי אונז אין שטאט עטליכע אגודה=פיהרער פון אויסלאנד: ד"ר ש. דייטשלענדער, דירעקטאר פון דער אל-וועלטליכער „קרן התורה" צענטראלע פון וויען, ה' אהרן גודמאן, פאליטישער לייטער פון דער אלוועלטליכער „אגודת ישראל" און ד"ר גוגענהיים פון באזעל. נעכטען האבען זיי געמאכט א בעזוך אין דעם היגען פא"י-קבוץ. בעגריסט האט זיי ה' יצחק צעדערבוים. זיי דהאבען אויך דערביי גע-האלטען געלעגענהייטס=רעדעס.

טוריסטישע און אפרוהע-קאלאניעס

פון דער יודישער געזעלשאפט פאר קולטור און בילדונג, אין ווארשא

די יודישע געזעלשאפט פאר קולטור און בילדונג ווארשא, ביעלאנסקי 21, ארדענט איין היינטיגען זו־מער פאלגענדע קאלאניעס: אין אוסטראו (בעסקי־דען, טשעכישע גרעניץ), ארלאווא ביים ים, קריניץ, קוזמיר און אין אורלע. פאר די קאלאניסטען ווערען איינגעארדענט אויספלוגען און די שענסטע געגענ־דען פון פוילען, גענויע אינפארמאציעס ווי אויך פראספעקטען שיקט ארויס דער סעקרעטאריאט פון דער געזעלשאפט, ווארשע, ביעלאנסקא 21 וו, 3 עס מוז ביגעלייגט ווערען א מארקע פאר 30 גר.

אויטא ארגיעס

(א) אויף עק נארוטאוויטשא און שענקע=וויטשא האט אנ'אויטא איבערגעפאהרען די 43-יעהריגע שרה מאליניעץ פון קרוטקע 4. אין א שווערען צושטאנד האט די פאגאטאוויע די פרוי אפגעפיהרט אין שפיטאל.

אינקאסענט פון אנשטאט'ס ברויעריי האט זיך געווארפען אונטער'ן צוג

(2) מיר האבען שוין מודיע געווען וועגען א צושניטענעם קערפער וואס מען האט געפינען אויף די באהן־שינעס אין זשאבייעניעץ. שפעטער האט זיך ארויסגעוויזען אז דאס איז דער 38־יעהריגער גוסטאוו מייער פון זגערזשע" 107.

די ווייטערדיגע אויספארשונג האט אויך ארויסגעוויזען אז מייער איז בעגאנגען זעלבסט מארד. ער איז געווען בעשעפטיגט אין אנשטאטס ברויעריי אלס אינקאסענט און האט דארט פער־שווענדעט א גרעסערע סומע געלד. די פירמע האט דאס געלד געפאדערט און ער האט קיין געלד נישט געהאט צו געבען, דאס האט איהם דערפיהרט צו זעלבסטמארד.

ס'ווערען געזוכט קרובים

פון א געשטארבענער יודישער פרוי

אין שפיטאל פון דער שטאטישער זביערזשע איז נעכטען געשטארבען די יודישע פרוי רחל איצקאוויטש.

צוליב דעם וואס מ'קען נישט געפינען די אדרעס פון דער פערשטארבענעס קרובים, האט „חסד של אמת" אויפגעהאלטען די לוויה.

ווער עס ווייסט ווער די פערשטארבענע איז, ווערט געבעטען מיטצוטיילען דעם „חסד של אמת".

קומענדיגען מאנטאג ווערט פערשארפט דער שטרייק פון די בוי-ארבייטער

(א) אין לאקאל פון ז.ו.ז. (פשעיאזד 40) איז נעכטען פארגעקומען א פערזאמלונג פון די בוי־ארבייטער.

נאך די אפגעגעבענע בעריכטע איז בעשלאסען געווארען פראקלאמירען מאנטאג דעם 11 יוני ד.י. א בעריבגונס־שטרייק, ד.ה. אויב ביז דאן וועט דער קאלעקטיווער אפמאך נישט אונטערגעשריבן ווערען וועט דער שטרייק ווערען פערשארפט, און עס וועלען זיך אנשליסען די ארבייט הערער 6000 ארבייטער.

דאס פערשוואונדענע מיידעלע גרונדמאן האט מען געפונען אין א וואלד

ווער האט דאס מיידעלע פערנארט?

(2) די טעג האבען מיר געשריבען וועגען א פערשוואונדענע 8־יעהריג מיידעלע חיה גרונדמאן פון זשגאווסקא 108.

נעכטען האט מען אין רודא־פאביאניצער וואלד געפונען דאס מיידעלע ארומבלאנדזשען, דאס מיי־דעלע גיט נישט קיין קלארע ערקלערונגען וועגען דעם, ווי אזוי זי איז פערשוואונדען געווארען. מען רעכענט אז עפעס אנ'אויסוואורף א מאנספערשוין האט דאס מיידעלע פערנארט. די פאליציי פיהרט אנ'אויספארשונג.

גענעראל-פערזאמלונג פון „שעורי-ערב" ביי פא"י

אין לאקאל פון ש"ע פולנאצנא 22 איז פארגע־קומען די 6־טע יעהרליכע גענעראל־פערזאמלונג, אונטערן פארזיץ פון ה' יוסף סארנא, רעפערירט האבען וועגען ש"ע הרב ר' פישעל פאו־ע און ה' שלום ווארגאן. דאן האט דער סעק־עטאר פון ש"ע ד. מילגראם אפגעגעבען דעם טעטיגקייטס־בעריכט און עקיבא זיסקינד האט אפגעגעבען דעם קאסע־בעריכט.

נאך א לעבהאפטער דיסקוסיע ווערט אויסגע־דריקט צוטרוי די אפטרעטענדע פערוואלטונג און עס ווערט געוועהלט א ניע פערוואלטונג.: שלום ווארגאן. יוסף סארנא, שאול דוד מילגראם, משה דארפבערגער, משה בראהן. קאנדידאטען: א. מ. שטיין, ה' ליפשיץ, ה. מ. גאלדשטיין. רעוו. קאמ.: ע. זיסקינד, ה. וו. ראזען, ב. מ. גארזיטשיגסקי, קא־נדידאטען מ. ד. ביימאן פ. מלאווער.

צוליב נויט

(א) אין זיין אייגענער וואוינונג, יאשי=נאווא 4, האט זיך איבערגעשניטען די אדערען פון דער האנד דער ארבייטסלאזער סטעפאן לוקא־שאק. אין א האפנונגסלאזען צושטאנד האט פא=גאטאוויע דעם זעלבסטמערדער איבערגעפיהרט אין שפיטאל.

גרויסער קאנצערט אין העלענאוו

נאך דעם אונגעווענליכען ערפאלג, וועלכען דאס ארטאטאריום פון היידן „די פיר צייטען פון יאהר" האט געהאט אין „פילהארמאניע" האט די פערוואלטונג פון „הזמיר" בעשלאסען דאס מייסטער ווערק צוגענגליך צו מאכען פאר די ברייטע פאלקס־מאסען דורך א אויפפיהרונג אין העלענאוו, וועלכע וועט פארקומען דינסטאג דעם 12־טען יוני אי"אוו. נישט געקוקט אויף די גרויסע הוצאה וועט דער אנסאמבל בלייבען הערעלבער ,וואס אין פילהאר־מאניע.

די אויפפיהרונג פון הערליכען ווערק אין הע־לענאוו האט ארויסגערופען גרויס צופריעדענהייט ביי די מבינים.

א גראנדיעזע גארטען-פערוויילונג

לטובת די בעראכאוו=שולען אין לאדז

שבת, דעם 16-טען ד. ח. ארדענט איין דאס קוראטאריום פון די בעראכאוו-שולען א גרוי-סע גארטען=פערוויילונג אין העלענאוו.

דאס פראגראם איז א פערשידענארטיגער און א זעהר רייכער.

ס'איז פאראויסצוזעהן, דאס די ארבייטער און פאלקס-מאסען, וועלכע קענען די לאדזער בא-ראכאוו-שולען, וועלען זיך מאסענווייז בעטייליגען אין דער דאזיגער אונטערנעמונג און אזוי ארום אונטערשטיצען די עקזיסטענץ פון די שולען.

היינט — „די סיבה"

מיט יאנאם טורקאוו און דיאנא בלו=מענפעלד אין קאמעראל=טעאטער

היינט, דאנערשטאג, 9.30 אווענד, ווערט געשפילט צום 7-טען מאל „די סיבה" פון ל. פרענק.

מארגען, פרייטאג, 9.30 אווענד, גרויסע פאפולערע פאלקס=פארשטעלונג. ס'ווערט געשפילט „דער 41-טער".

מיט פולע רעכט פון רעגירונגס=גימנאזיום (Kategorja A)
מעדכען-גימנאזיום
און פריוואטע פאוושעכנע שולע
Marji Hochsteinowej
טעל. 214-27 23 וואולטשאנסקא 23 טעל. 214-27
איינשרייבונגען אין די גימנאזיאל-קלאסען, ווי אויך. אין די פאוושעכנע שולע
נעהמט אן דער סעקרעטאריאט טעגליך (חוץ שבת און יו"ט) פון 9 ביז 2 און פון 4 ביז 6.

מאן דערהרגעט זיין ווייב

(א) עהערנעכטען אווענד האט מען אויפן פעלד נישט ווייט פון פאביאניץ געפונען א טויטען קערפער פון א פרוי, ווי עס האט זיך באלד ארויסגעשטעלט איז איהר נאמען יענינא פיעס־זשאק פון פאביאניץ, בארוך גאס 22.

דער טויטער קערפער האט געהאט וואונדען אויפן קאפ און האלז, וואס עס האט בעוויזען, אז מען האט דא צו טון מיט א מארד. די פאליציי־אישע אויספארשונג האט אויך באלד פעסטגע־שטעלט, אז די דערמארדעטע האט נישט גוט גע־לעבט מיט איהר מאן יוזעף און די שכנים און אויך קרובים האבען מעהרערע מאל פון איהם געהערט, אז ער וועט דערמארדען זיין ווייב, וועלכע שטערט איהם אין זיין לעבען.

דער פערדאכט אויף יוזעפן האט זיך נאך מעהר פערשטארקט, ווען עס האבען זיך געפונען מענשען, וועלכע האבען איבערגעגעבען, אז זיי האבען דאס פארפאלק געזעהען שפאצירען איבערן פעלד. קיינמאל האט מען זיי נישט געזעהען צו־זאמען געהען. נאכן דאזיגען שפאציר זענען ביידע פערשוואונדען. איצטער ווען מען האט דעם טוי־טען קערפער פון דער פרוי געפונען און דער מאן איז נישטא, איז שוין קלאר, אז ער האט דער־מארדעט זיין ווייב און בעהאלט זיך ערגיץ.

פאליציי זוכט איצט דעם מערדער פון זיין פרוי.

ראדיא=ווינקעל

צי מעג א גאז-רעהר דינען אלס בעערדיגונג ביים ראדיא?

אין די גרויסע שטעט ווערט די בעערדיגונג איינגעפיהרט אויף אזא אופן, דאס אנשטאט צו גראבען א טיפען גרוב אין דער ערד, פעראייניגט דער ראדיא-אמאטאר דעם דראהט פון ראדיא-אפאראט מיט דער וואסער-לייטונג. גאנץ אפט בע-נוצען זיך אויך די ראדיא-הערערס מיט די גאז-רעהרען צו בעערדען די אנטענע.

מיר מאכען אויפמערקזאם, אז אין דער צייט, ווען די וואסערלייטונג איז אנ'אויסגעצייכנעט מיטעל צו בעערדען די אנטענע, דארף מען זיך אבער אפהיטען צו בענוצען די גאז-רעהר צו דעם זעלבען צוועק. ערשטענס פעראייניגט נישט די גאז-רעהר אזוי גוט די אנטענע מיט די ערד, ווי די וואסערלייטונג, צוליב וואס מען הערט פיל שוואכער די ראדיא-אודיציעס.

אויסערדעם ווערט די גאז-רעהר אויך גע-פעהרליך אין פאל פון א שטורם. א דונער קען טרעפען אין אַ גאז-רעהר פון וואס עס קען ענט-שטעהן אנ'אויפרייס פון גאז.

פון דער לאדזער בערזע

באנק פאלסקי	—	—	—	86.50
3 פראצענטיגע	בודאוולאנע	—		44.25
4 „	דאלארובקא	—		53.25
7 „	סטאביליזאציע (אמ.)			66.75
8 „	ווארשאווער פאנד-בריף			56.38
8 „	לאדזער	„	„	49.50
ענגלישער פונט	—	—	—	26.79
דאלאר — אפיצ.	5.30	נישט אפיצ.	—	5.26
גאלד-דאלאר —	—	—	—	8.91
גאלד-רובל —	—	—	—	4.61
דייטשער מארק	—	—	—	1.98

DR. MED. H. LUBICZ
פאר הויט, ווענערישע און געשלעכטס-קראנק.
צעגעלניאנא 7 (פריהער 43), טעל. 141-32
עמפפאנגס-שעה'ן 8–10, 12–2, און 5–8 זונטאג
און יו"ט 9–1. פאר דאמען בעזונדערער ווארטע-זאל

רעזאָלוציעס פון 4-טען דעלעגאַטען-צו־זאַמענפאָהר פון „ארט" אין פוילען

1. אַלגעמיינע רעזאָלוציע.

באַקענענדיג זיך מיט דעם באַריכט פון צענט־ראַל־קאָמיטעט און מיט די רעזולטאַטען פון דער טעטיגקייט פון די אָפּטיילונגען, שטעלט פעסט דער 4־טער דעלעגאַטען־צוזאַמענפאָהר פון „אָ״ט", אַז אין׳ם קאַמף מיט דער וואַקסענדער פּראָלעטאַריזירונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילען איז אומבאַדינגט נויטיג צו פערברייטערן און פערשטאַרקען אַלע פאָרמען פון אויפבוי־אַרבייט, וועלכע גייען אַריין אין פּראָגראַם פון „אַרט", און צו זאַמלען אַרום דער דאָזיגער אויפגאַבע אַלע לעבעדיגע קרעפטען פון דער יידישער געזעלשאַפטליכקייט.

כדי צו באַפעסטיגען די עקזיסטירענדיגע אינ־סטיטוציעס פון „אָ״ט" און כדי צו שאַפען אַ מעג־ליכקייט פון ברייטערער טעטיגקייט, דאַרפען אויך ווייטער געמאַכט ווערען אַהן אויפהער די גרעסטע אָנשטרענגונגען, כדי זיך צו דערשלאָגען צו אַ געהעריגער פינאַנציעלער הילף מצד דער מלוכה און מצד די קאָמונאַלע און ווירטשאַפטליכע זעלבסט פערוואַלטונגען לטובת די יידישע סאָציאַלע אנ־שטאַלטען בכלל און די „אַרט" - אינסטיטוציעס בפרט.

גלייכצייטיג שטעלט פעסט דער צוזאַמענפאָהר אַז מחמת דער פּראָ־ימונג פון דער יידישער בע־פעלקערונג אין פוילען, וועט „אָ״ט" נישט אימ־שטאַנד זיין צו פערברייטערן זיין אויפבוי־אַרבייט און אַפילו צו דערהאַלטען די שוין פערהאַנענע אינסטיטוציעס אָהן ווייטערדיגער הילף פון די אויס לענדישע יידען.

2. וועגען פערברייטערן די לאַנד־ווירטשאַפטליכע טעטיקייט

דער צוזאַמענפאָהר האָט אָנער־קענט, אַז ביים פערברייטערן די טעטיגקייט פון „אַרט" דאַרף אין דער נאָהענטסטער צייט אַרויסגערוקט ווערען אויפ׳ן געהעריגען פלאַץ די לאַנד־ווירטשאַפטליכע טעטיג־קייט. די אַרבייט פון „אָ״ט" אויף דעם דאָזיגען גע־ביט דאַרף זיך נישט באַגרענעצען מיט פינאַנציעלע און עקאָנאָמישע הילף פאַר די קאָאָפּע־אַטיווען, און עס דאַרפען געמאַכט ווערען ממשות׳דיגע שריט אויף צו באַזעצען אויף לאַנד פּרנסה׳לאָזע און רעקלאַסירטע יידישע פאַמיליעס.

דער צוזאַמענפאָהר זאָגט אַ ויס זיין אָנער־קענונג דער פאַמיליע א. שפּילפאָגעל, וועלכע האָט געשטעלט אין רשות פון „אָ״ט" אַ פאָנד פאַר אַ לאַנדווירטשאַפטליכער פערמע און ליגט פאָר דעם צ. ק. צו פערווירקליכען, וואָס גיכער דעם פּלאַן פון דער דאָזיגער פערמע, ווי אויך אויסצונוצען די מעגליכקייטען פון שאַפען ענליכע פערמעס אין אַנדערע שטעט.

3. וועגען פאַך־אויסבילדונג פון יודישע יונגע לייט פון דייטשלאַנד

דער צוזאַמענפאָהר באַגריסט דעם פאָרשלאַג פון דער צענטראַל - פערוואַלטונג פונ׳ם פערבאַנד „אָ״ט" וועגען שאַפען ביי די יודישע פאַכשולען אין פוילען אַ פּלאַץ אויף אויסצובילדען אין פאַך יו־דישע יונגע לייט פון דייטשלאַנד און לייגט פאַר דעם צ. ק. אָנצונעהמען אַלע שריט, כדי צו באַווי־זיגען די פאָרמעלע שוועריגקייטען, וועלכע האָבען ביז איצט געשטערט דער גרינדונג פון פאַך־קורסען פאַר די יודישע יוגענדליכע אויס דייטש־לאַנד ביי די פאַך־שולען פון „אַרט" אין פוילען.

4. אָרגאַניזאַציע, אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע

דער צוזאַמענפאָהר געפינט, אַז „אָ״ט" אין פוילען מוז אומבאַדינגט פערברייטערן זיין אויפ־קלערונגס־אַרבייט און פאָדערט אויף דעם צ. ק. צו לייגען דערויף די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט, און צו שאַפען ביים צ. ק. אַן אָנטשפּרעכענדיגען אַפּאַראַט, וועלכער זאָל זיך אויך אָפּגעבען מיט דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבייט און זאָל גרינדען אָפּטיילונגען פון „אַרט" אין די ערטער, וואו אַזעל־כע עקזיסטירען נאָך נישט.

דער צ. ק. ווערט באַאויפטראַגט צו רופען דעם קומענדיגען צוזאַמענפאָהר פון „אַרט" אין פוילען נישט שפּעטער, ווי אין צוויי יאָהר אַרום בהסכם מיט די פּאָרשריפטען פון סטאַטוט, און עס ווערט אויך פאָרגעלייגט דעם צ. ק. צו באַטראַכ־טען די מעגליכקייטען פון רופען דעם 5־טען צו־זאַמענפאָהר אין אַ יאָהר אַרום.

דער צוזאַמענפאָהר אָנערקענט, אַז כדי דער צ. ק. זאָל זיין אימשטאַנד אויסצופיהרען די ברייטע אויפגאַבען, וועלכע זענען אויף איהם אַרויפ־געלייגט געוואָרען, זענען די אָפּטיילונגען פון „אַרט" מחויב זיך צו באַשטייערן לטובת דער צענטראַלע און באַאויפטראַגט דעם צ. ק. פעסטצושטעלען דעם מאָדוס, לויט וועלכען עס דאַרף דורכגעפיהרט ווע־רען אַזאַ באַשטייערונג.

5. וועגען באַערן דעם אָנדענק פון דר. מ. זילבערפאַרב

אין ד״ר זילבערפאַרבס אַרבייטס־צימער אין צ. ק. „אַרט" זאָל זיך געפינען זיין פּאָטרעט. די פּראָ־ווינציאַנעלע קאָמיטעטען ווערט פאָרגעלייגט אויך אויפצוהענגען בילדער פון ד״ר זילבערפאַרב אין זייערע לאָקאַלען.

אויף מאָרגען נאָכ׳ן צוזאַמענפאָהר זאָל גע־לייגט ווערען אַ קראַנץ אין נאָמען פון די דעלע־גאַטען אויפ׳ן קבר פון ד״ר מ. זילבערפאַרב.

צום ערשטען יאָהרצייט זאָל דער צ. ק. צוזאַ־מען מיט דער צ. פ. „אַרט" שטעלען אַ מצבה אויפ׳ן קבר.

דער צוזאַמענפאָהר זאָל געבען דעם ביים צ. ק. אַ דירעקטיוו — אויף אַ יאָהרצייט בישט צו באַזעצען דעם אַמט פון פּאָרזיצער.

עס ווערען גענומען צו קענטניש די באַשלו־סען פון דעם וואַרשעווער און ראָוונער קאָמיטעטען אָנצורופען דיערע פאַכשולען פאַר מיידלעך אויפ׳ן נאָמען פון ד״ר מ. זילבערפאַרב.

דער צ. ק. דאַרף אין פערשטענדיגונג מיט דער צ. פ. „אַרט" שאַפען אין וואַרשע אַ נייע אינסטי־טוציע אויף צו פעראייביגען דעם אָנדענק פון ד״ר מ. זילבערפאַרב.

6. אַבסאָלוטאָריום פאַר׳ן צ. ק.

דער 4־טער דעלעגאַטען - צוזאַמענפאָהר פון „אַרט" אין פוילען האָט אויסגעהערט דעם באַ־ריכט וועגען דער טעטיגקייט פון דער געזעלשאַפט אין פערלויף פון די לעצטע פינף יאָהר, האָט איינ־געפונען, אַז ביי די שווערע באַדינגונגען פון עקאָ־נאָמישען איבערברוך האָט דער צ. ק. און דער עקזעקוטיוו געטון אַלץ, וואָס איז מעגליך, כדי אויפ צוהאַלטען און צו פערפעסטיגען די „אַרט"־אַרבייט אין פוילען, און נעהמט דעם באַריכט פון צ. ק. צו קענטניש מיט אָנערקענונג פאַר דעם אָפּטרע־טענדיגען צ. ק. און עקזעקוטיוו.

7. פערשידענע רעזאָלוציעס

דער צוזאַמענפאָהר באַאויפטראַגט דעם צ״ ק. צו באַהאַנדלען די פאָרשלאָגען פון ד״ר סיגנאַלאָוו־סקי וועגען אַ „טאָג פון אַרבייט", און פון ד״ר בריש וועגען שאַפען ביי די לאָקאַלע קאָמיטעטען פּסיכאָטעכנישע באַראַטונגס־שטעלעס.

וועגען דעם שטודיום אויפ׳ן ירושלימער אוניווערזיטעט

„די געזעלשאַפט פריינד פון אוניווערזיטעט אין ירושלים", וואַרשע, גזשיבאָווסקא 26/28 מאַכט דער־מיט באַקאַנט די קאַנדידאַטען, וואָס ווילען שטודירען אויפ׳ן ירושלימ׳ער אוניווערזיטעט, פאָלגענדעס:

1) עס ווערט דערמאָהנט, אַז בקשות אָנגע־נומען צו ווערען אויפ׳ן אוניווערזיטעט אין ירושלים קאָן מען דערלאַנגען נאָר דורך דער „געזעלשאַפט פריינד פון אוניווערזיטעט" די פּאַפּירען, וועלכע וועלען דירעקט צוגעשיקט ווערען צום אוניווערזיטעט וועלען צוריקגעשיקט ווערען די קאַנדידאַטען, וואָס וועט גורם זיין אַ פערשפּעטיגונג אָדער אַפילו דאָס פערלירען פון אַ יאָהר שטודיום.

2) עס איז געווינשען, אַז די קאַנדידאַטען, הויפּטזעכליך די אַבסאָלווענטען פון די פריהעדיגע יאָהרען, זאָלען אַריינטראָגען זייערע בקשות ווי אַמשנעלסטען, ווייל אין אַ סך פאַלען מוז פריהער געפיהרט ווערען אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט׳ן אוניווערזיטעט און אין דער צווייטער העלפט יולי ה. י. ווערט געשלאָסען דער טערמין פון אָננעה־מען בקשות און פון פּאַפּירען.

3) צום אויפמערקזאַמקייט פאַר די מאַטורים־טען פון 1934. די מאַטוריסטען פון דעם יאָהר דאַרפען אַריינטראָגען זייערע פּאַפּירען ווי אַמשנעל־סטען, נאָכ׳ן דערהאַלטען פון די מאַטורעס, אָדער די פערענדיגונגס־צייגנישען. פאַר׳ן באַלייגען די פּאַפּירען דאַרפען זיי זיך ווענדען צו דער געזעל־שאַפט וועגען אינפאָרמאַציעס און וועגען בלאַנק־עטען.

4) עס ווערט אונטערגעשטראָכען, אַז דער אוניווערזיטעט באַלייגט בקשות וועגען סערטיפיקאַטען פאַר די סטודענטען, אָבער די לעצטע דעציזיע אין דער פראַגע איז אָפּהענגיג נאָר פון דער ארץ־ישראל׳דיגער רעגירונג. עס ווערט פאָראויסגעזע־העז, אַז די רעגירונג — אין הסכם מיט איהר צו־זאָג — וועט אַרויסגעבען די סערטיפיקאַטען ענדע זומער, אָדער אָנפאַנגס הערבסט. דער אוניווערזי־טעט קאָן אָבער נישט זיין פעראַנטוואָרטליך פאַר אַב׳צוועכטועלע פערשפּעטיגונג אָדער פון אַנאָפּ־זאָג מצד דער רעגירונג.

5) אַלע אינפאָרמאַציעס געפונען זיך אין אַ ספּעציעלער בראָשור (דער פּרייז מיט פּאָרטאָ באַ־טרעפט 60 גר. אין פּאָסט־מאַרקען). עס איז זעהר געווינשען, אַז די קאַנדידאַטען זאָלען פאַר׳ן באַ־לייגען די פּאַפּירען זיך באַקענען מיט דער בראָשור.

6) אין דער צווייטער העלפט פון יוני ה. י. וועט די אַדרעס פון דער געזעלשאַפט זיין אַנאַנ־דערע, וועגען וואָס עס וועט ווערען געמאָלדען אין דער פּרעסע. דערווייל דאַרף די גאַנצע קאָ־רעספּאָנדענץ געשיקט ווערען אויפ׳ן בין־איצטי־גען אַדרעס, גזשיבאָווסקא 26/28.

Dr. med.
L. Berman
צעגעלניאַנאַ 15, טעל. 149-07
ספּעציאַל-ארצט פאַר הויט- און געשלעכטס-קראַנקהייטען, מענער-שוועכע-באַהאַנדלונג און סעקסועלע באַראַטונג.
אַלע ארט אַנאַליזען.
נעמט אָן פון 8—11 און 4—8 אָוו. זונטאָג פון 9—1 בייטאָג
פאַר אונבעמיטעלטע – לעטשניצע-פּרייזען.

Dr. REICHER
פּאָלודניאָווא 28, טעל. 201-93
ספּעציאַליסט
פאַר מענער-שוועכע-באַהאַנדלונג, סעקסועלע באַראַטונגען און פּסיכאָ-אַנאַליזען
נאָכמיטאָג פון 8–11 און פון 5–8 אָווענר

Dr. med. Trepman
צעגעלניאַנאַ 4, טעל. 216-90
ספּעצ. פאַר סיפיליס, טריפּער און הויט-קראַנקהייטען, באַהאַנדלונג פון מענערשוועכע אויך אַלע ארט אַנאַליזען
נעהמט אָן פון 8–12 און פון 5–9 אָוו. זונטאָג און יום-טוב פון 8–1. באַזונדערע וואַרטע-זאַל פאַר פרויען

יודישער קאַמעראַל-טעאַטער, אַלעע 1-טער מאַי 2.
גאַסטשפּילען פון די באַקאַנטע סצענע- און פילם-אַרטיסטען
יאָנאַס טורקאָוו — און — דיאַנאַ בלומענפעלד
היינט, דאָנערשטאָג, 9.30 אָווענט
„די סיבה"
סאָציאַלע דראַמע אין 4 אַקטען (6 בילדער) פון לעאָנאַרד פראַנק.
מאָרגן, פרייטאָג, 9.30 אָוונט גרויסע פאָלקס-פאָרשטעלונג ס׳ווערט געגעבען
„דער 41-טער"
פון דער 1-טער ביז דער 9-טער רייה 1 זל.
פון דער 10-טער ביז 16-טער רייה 54 גר.
ס׳נעמען אנטייל דער גאַנצער אַנסאַמבל לויט א. ב.: בלומענפעלד דיאַנאַ, ביאַלקאָוויטש ישראל, גינסבערג יעקב, וויינגאַלד שלמה, טורקאָוו יאָנאַס, טופּמאַן ישעיה, טופּמאַן מרים, לערער ראָמאַ, קוזניעצאָוו לייב. דרט. י. ביאַלקאָוויטש. איספּרעסאַריע: ב. קאַגאַן. אינספּיציענט: ש. טופּמאַן
בילעטען צו באַקומען ביי דער קאַסע פון טעאַטער.

Dr. HELLER
ספּעצ. פאַר הויט און ווענערישע קראַנקהייטען און מענער-שוועכע
8 טראַוגוטאַ 8, טעל. 179-89
נעמט אָן פון 8–11 און פון 4–8 אָוונט, זונטאָג פון 11–2 מיטאָג.
פאַר פרויען אַ ספּעציעלער וואַרטע-זאַל.
אונבעמיטעלטע — לעטשניצע-פּרייזען

דער אַריער-פּאַראַגראַף

ר. אײזראעל

129

שפּאַנענדער ראָמאַן פון דער איצטיגער ווילדער צייט

— איך זאָג אייך דעם אמת, פּריצי, אַז איך קען זיך נישט דערמאָהנען וועגען וואָס איהר האָט דעמאָלט גערעדט מיט מיר. איך בין דעמאָלט נישט אַריינגעגאַנגען אין קיין פּרטים, מיך האָט אינטע־רעסירט דאָס אַלגעמיינע, גרויסע אומגליק.

— דאָס איז אַ גרויסע שאָד, ווען איהר וואָלט דעמאָלט געלעגט מעהר אַכט אויף דעם, וואָס איך האָב אייך געזאָגט, וואָלט אונזער געשפּרעך, דאָס היינטיגע, פיל לייכטער אָנגעקומען.

— וואָס מעהר פּריצי האָט גע־עדט מיט הע־לען, אַלס מעהר איבערגעשראָקען איז זי געוואָ־רען, אַלץ מעהר האָט זי געפיהלט, אַז עס האַנדעלט זיך וועגען זעהר ערנסטע ענינים, זי האָט גע־שוויגען און האָט געוואַרט אויף דער אויפקלע־רונג מצד פּריצין.

— אויב איהר ווייסט נישט, מוז איך אייך זאָגען אָפען און אויפריכטיג, אָבער איך געפין פאַר מייז חוב. באַכאַמאָל איך אויפמערקזאַם צו מאַכען דערויף, אַז אַפילו דער ביטערסטער אמת זאָל אייך נישט מיטאַמאָל איבעראַשען און איהר זאָלט זיך גוט איבערלעגען ביז איהר וועט גע־בען אַנ׳ענטפער.

— פאַר מיר איז גלייכער דער ביטערסטער אמת, איידער דער זיסעסטער ליגען. איך וויל נישט מעהר לעבען אין אַנ׳אַטמאָספער פון אַזאַ קיין ק״ט און שרעק פאַר דער באַהענטסטער שעה.

— אויב איהר זענט פעסטגעשטעליג וועל איך אייך נישט לאַנג האַלטען און גלייך צוטרעטען צום ענין, אַלזאָ, איך ווידערהאָל אייך דאָס, וואָס איך האָב אייך דעמאָלט דערצעהלט.

היבריך איז נאָך אַלץ געזעסען אין דערזעל־בער פּויזע, ער האָט נישט געוואַגט אויפצוהויבען דעם קאָפּ, האָט נישט געהאַט די דרייסטקייט צו קוקען אימיצען אין די אויגען אַריין, מיט האַ״צ־קלאַפּעניש האָט ער געוואַרט אויף דעם אויסגאַנג פון דעם דאָזיגען פּיינליכען און נישט־אָנגענעהמען געשפּרעך. איבריגענס, איז דאָס נישט געווען נאָ־אַ פּראַגע פון אונאַנגענעהמע מינוטען, נאָר אַ פּראַגע פון זייער צוקונפט און פון העלענס צו־קונפט. דעריבער האָט ער אַזוי געציטערט. דער־בער איז איהם געווען איבריג יעדע מינוט. פּריצי ווידער האָט פון זיין זייט די שפּאַנונג געוואָלט ברענגען צו דער העכסטער מדרגה, כדי ס׳זאָל פאַר העלען נישט זיין קיין צו גרויסע איבעראַשונג. סוף כל סוף האָט ער שוין איהר נישט געקענט ציהען און האָט געזאָגט:

— אַלזאָ, איך האָב אייך דערצעהלט פאָלגענ־דעס: די אויסוואורפען האָבען היבריכן דעמאָלט שרעקליך געפּייניגט, זיי האָבען פאַר איהם צוגע־גרייט אַזעלכע ענוים, אַזעלכע שרעקליכע יסורים, וואָס קיין פערשטענדליכער מענש וואָלט זיך דאָס קיינמאָל נישט געקענט פאָרשטעלען, די ראַפּיניר־טע

קייט פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע איז געווען אַ בויל געגען די מיטלען, וועלכע זענען אויסגע־טראַכט געוואָרען אין „בראַונעם הויז" דורך אונ־זערע איינענע היימישע שטורמיסטען. נישט נאָר זיי האָבען איהם געשלאָגען, נישט נאָר זיי האָבען געטרעטען מיט זייערע ברודיגע פיס זיין עהרע און כבוד, נישט נאָר זיי זענען מיט זייערע ברודיגע שיך טיף אַריינגעקראָכען אין זיין נשמה, נאָר זיי האָבען זיך באַמיהט מיט איהם זיך צו באַגעהען אַזוי, אַז ער זאָל האָבען אַנ׳אָנדענק אויפ׳ן גאַנ־צען לעבען...

היבריך האָט זיך פערשטעלט דאָס פּנים מיט די הענד און האָט הויך געזיפצט.

— ציהט נישט מעהר מיין נשמה, האָט העלען זיך געבעטען, זאָגט מיר שוין וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך דאָ. עפּעס נישט צוריק די וואונדען, וועלכע האָבען באַוויזען קוים אַביסעל זיך צו פערהיילען. פּריצי האָט רחמנות אויף מיר.

— איך זאָג אייך דעם אמת, און מוז אַלץ דערצעהלען, כדי איך זאָל וואָס גיכער קומען צום עיקר. לאַנג האָבען די שטורמיסטען געטראַכט ביז זיי האָבען אויסגעטראַכט ווי אַזוי היבריכ׳ן אומ־גליקליך צו מאַכען. זיי האָבען איהם געמאַכט פאַר אויס מאַנספערשוין, פאַר אַ פּשוט׳ן הינקענמאַן. איהר דאַרפט דאָך פערשטעהן. וואָס דאָס איז, איהר דאַרפט דאָך פערשטעהן, וואָס דאָס באַדייט...

ערשט איצט האָט זיך העלען געכאַפּט, אַז פּריצי האָט איהר דאָס ווירקליך דערצעהלט נאָך דעמאָלט אין קאָנצענטראַציאָנס־לאַגער, דאָס איז איהר אָבער דעמאָלט נאָר לייכט אַדורך, דורך די אויערען און האָט אין איהר קיין שום אָפּקלאַנג נישט געפונען. איצט האָט זי געפיהלט דעם באַ־דייט פון דעם ענין אין זיין גאַנצען פערנעהם. איין געדאַנק האָט געיאָגט דעם צווייטען, זי האָט זיך נישט געקענט אָפּשטעלען אויף איין זאַך, כדי זיך גוט צו באַטראַכטען, פּריצי האָט געמיינט אַ זי פערשטעהט נאָך נישט אַלץ גוט און האָט גע־פּרובט איהר דאָס צו פערטייטשען.

— איהר פערשטעהט העלען, זיי האָבען איהם געמאַכט פאַר אויס מאַנספערשוין, געמאַכט איהם פאַר אַ מענשען, וועלכער זאָל אין זיין גאַנצען לע־בען געדענקען, אַז ער איז אַמאָל געווען אין דייטש־לאַנד אַלס יוד, אַלס מענש פון אַ „מינדערווער־טיגער ראַסע".

העלען האָט געקוקט אויף פּריצין, דאַן אויף היבריכן.

— ענטשולדיגט, האָט פּריצי געזאָגט, ווען איך רעד דאָ אין דער אַבוועזענהייט פון היינריכן, איך האַלט אָבער, אַז אַזוי איז גלייכער, איך באַ־שטעהנדיג אין דער מיינונג, אַז יעדען געשעהן דאַרף מען אויפשביידען אין דער ריכטיגער צייט. דעמאָלט ווען ער האָט שוין גענוג אָנגעצויגען, ס׳איז דאָך נישט קיין שום ספק, אַז איצט איז געקומען די צייט, ווען איהר וועט זיך דאַרפען דע־צידירען, צי איהר וועט וועלען אויף אייביג זאַמענלעבען מיט היבריכן.

— איך האָב נישט וואָס צו דעצידירען מעהר.

— זאָגט נישט ביז איהר וועט זיך דעם גע־נישט געגנוי און אין פולשטענדיגער רוה איבער־לעגען, איהר דאַרפט וויסען, אַז די באַטור פאַר דאָס איהריגע און היבריך איז נישט מעהר אימ־שטאַנד צו געבען דאָס, וואָס יעדער מאַן. אַ האַנדעלט זיך נאָר אין איך, צי איהר קענט דאָך מספּים זיין, לעבען און ליגען און שווינדלען איז נישט מעגליך, נישט היבריך האָט דאָס רעכט אַפּצונאַרען, נישט איהר אַליין דאַרפט זיך נאַרען, אַלץ מוז זיין קלאָר און אָפען און דער וועט די דעציזיע זיין אַנ׳עהרליכע און דויערהאַפטיגע.

(פאָרטזעצונג קומט)

יונגער יונגעל דערצעהלט אין געריכט
ווי אזוי ער האט דערמארדעט זיין מוטער
שרעקליכע פאמיליע-טראגעדיע אין הויז פון א פראפעסאר, וואס האט אויפגערודערט אונגארן

(ספעציעלע קארעספאנדענץ)

פאר דעם שטראף-סענאט פון דעם אונגארישען לאנדעס-געריכט איז געשטאנען א קליינער, חנ'עוודיגער בחור'ל, קוים 14 יאהר אלט, דער זוהן פון דעם אוניווערזיטעט-פראפעסאר ד"ר בענא זעמפלען, דאס יונגעל האט מיט א חודש צוריק קאלטבלוטיג דערמארדעט זיין אייגענע מוטער מיט א האק.

ער איז געשטאנען פאר דעם ריכטער, פאר דער עפענטליכקייט פון דעם אויפגערודערטען לאנד, שמאל, צארט, איבערגעבויגען, יונגליש-איבערצייטיג אין זיין קרענקליך-ווייסען פנים האבען געגליט צוויי שווארצע אויגען, פיל מיט ליידענשאפטליכען האס, וואס בושעוועט אין זיין פערוויסטער יונגער נשמה.

דער קליינער דענעש זעמפלען איז דער מערדער און צוגלייך דער טראגישער קרבן פון זיין שוידערליכער האנדלונג. ער איז שוין געקומען אויף דער וועלט מיט האס, וואס האט פער'סמ'ט זיין גאנצע יוגענט, די פערצעהן יאהר פון זיין צעשטערטען לעבען...

די גאנצע צייט איז ער געשטאנען צווישען פאטער און מוטער, ריכטיגער: ער איז פון זיי ביידען ארומגעווארפען געווארען אהין און אהער, פון איינעם צום אנדערען. דער פאטער, דער בודאפעשטער אוניווערזיטעט-פראפעסאר, א געלערנטער מיט א בעקאנטען נאמען, האט יעדען אווענט אראפגעווארפען פון זיך זיין בירגערליכע און אקאדעמישע לייטישקייט און האט זיך ארומגעוואלגערט אין צווייפעלהאפטע נאכט-לאקאלען, אין אריסטאקראטישע „הייזלעך" און „סאלאנען" — און ערשט פארטאג פלעגט ער אהיימקומען שיכור, שמוציג, און זיך מיטבריינגען גאסען-פרויען אהיים, פראווען מיט זיי אָרגיעס אין דעם שלאף-צימער, וואו זיין אייגענע פרוי איז געלעגען..

די סקאנדאלען מיט פראפעסאר זעמפלען האבען שוין געהערט צו דער טעגליכער רובריק אין די צייטונגען — און זיי וואלטען זיכער געווען א חל געמאכט פון זיין אקאדעמישער קאריערע, ווען דער פראפעסאר וואלט נישט געהאט א זעהר שטארקען צד ערגעץ אין די הויכע פענסטער, אין די סאמע העכסטע", ווי מען גיט איבער.

די פרוי פון דעם פראפעסאר האט יאהרען לאנג געליטען פון איהר מאן די שרעקליכסטע פייניגונגען און דערנידעריגונגען. עס האט געטראפען, אז ער האט זי פארטאג געצוואונגען אויפצושטעהען פון בעט און צו מאכען פלאץ פאר איינער פון די „דאמען", וואס דער פראפעסאר האט מיטגעבראכט פון דער גאס אדער פון די „סאלאנען" און הייזלעך. מיט דער צייט האט זיך ביי דער פרוי אנגעזאמעלט א שטארקע פערביטערונג און האס. זי האט, פון פראטעסט, פערצווייפלונג און בקמה אנגעהויבען פיהרען פונקט אזא לעבען ווי איהר מאן. ווען דער פראפעסאר האט געפראוועט זייבע נאכט-געהולייאנקעס אין די „סאלאנען", האט זיין פרוי פערבעטען צו זיך מענער אין הויז אריין, אפט אויך בעקאנטע און קאלעגען פון איהר אייגענעם מאן, און האט מיט זיי פערבראכט גאנצע נעכט אין פרייליכע פערוויילונגען, וואס האבען זיך מייסטענס געענדיגט אין שלאף-צימער...

אין דער דאזיגער אטמאספערע איז אויפגעוואקסען דער קליינער דענעש. די לופט, וואס דאס קינד האט איינגעאטעמט, איז געווען אנגעזאפט מיט שמוץ, מערדערישען האס, די עלטערן האבען יאהרען לאנג נישט גערעדט צווישען זיך קיין ווארט און אז מען האט זיך געוואלט עפעס זאגען, האט מען זיך בענוצט מיט דעם קינד: „זאג דעם שיכור אזוי און אזוי..." „זאג דער זבלה, זי זאל האלטען דעם פיסק"...

דאס קינד איז געווארען אלץ מעהר פערצווייפלט, פערביטערט, געפייניגט פון זיין הילפלאזיגקייט. אזוי זענען פערגאנגען יאהרען. דאס לעבען צווישען זייבע עלטערן, צווישען די צוויי מערדערישע דם-שונאים, איז געווען פאר דעם קינד אנ'אמת'ר גיהנום. פאטער און מוטער זענען געווען אזוי שטארק פערנומען מיט זייער געגענזייטיגען האס, אז זיי האבען גאר קיין צייט נישט געהאט ליב צו האבען דאס קינד און איינצופלאנצען אין דעם קינדערישען הארץ ליבע צו די עלטערן.

באלד האט זיך דער פראפעסאר אפגעזונדערט איינגאנצען פון זיין פרוי, ער האט געלעבט זיין לעבען אין די הייזלעך און אריסטאקראטישע סאלאנען. אויך די פרוי איז געווארען מיט דער צייט אלץ ווייניגער איבערקלייבעריש און צו איהרע פרייליכע פערוויילונגען פלעגען שוין איצט קומען שאפערס, צירק-אטלעטען, באקסערס, מיט וועלכע די פרוי פון פראפעסאר האט זיך אפגעגעבען כמעט אין געגענווארט פון איהר קינד, כדי די בקמה או איהר מאן זאל זיין נאך טיפער, נאך ביטערער...

מיט א חודש צוריק, אין א פרייליכען בייטאכט, ווען ביי זיין מוטער אין שלאף-צימער, זענען ווידער פארגעקומען „פערוויילונגען", איז דער קליינער בחור'ל פלוצים אויפגעשפרונגען פון בעט אין זיין פינסטערען קינדער-צימער.

ער האט אריינגעהערט אהין דאס צוהוליעטע געלעכטער פון זיין מוטער, די קולות פון דער פרייליכער געזעלשאפט. ער איז אריין אין קיך. ער האט גענומען די גרויסע האלץ-האק און האט זיך פארזיכטיג אריינגעשליכט אין שלאף-צימער. די געזעלשאפט האט איהם נאך איינגאנצען נישט בעמערקט. מען האט געטרונקען וויין און געשפילט אין קארטען, אין א ווינקעל איז געלעגען די פרוי פראפעסאר אויף אן אויטאמאן און האט זיך „אמוזירט" מיט א נעם פון איהרע פריינט. דערביי האט זי אויך גערעדט וועגען איהר משפחה-לעבען, וועגען איהר מאן און וועגען דעם קליינעם יונגען, פאר וועלכע זי האט זעהר מורא אין דער לעצטער צייט. עפעס זעהט ער אויס די לעצטע צייט אזוי פערשלאסען, אזוי געהיימניספול... ווער ווייסט, וואסערע פלענער טראגט אין זיין קאפ?..

דאס קינד האט די ווערטער געהערט, דער קליינער דענעש איז געשטאנען ביי דער טיר. די האק אין דער האנט, די געזעלשאפט איז געווען פערנומען מיט זיך. קיינער האט איהם נישט געזעהן, און פלוצים, איידער עמיצער האט איהם געקאנט צוריקהאלטען, איז דאס קינד צוגעשפרונגען צו דער מוטער און האט איהר אין איין קורצער רגע צעשמעטערט מיט דער האק דעם קאפ...

שטעהט דער קליינער, 14-יעהריגער מוטער-מערדער פאר דעם ריכטער. מען רופט ארויס די עדות, זיין פאטער, די „פריינדינס" פונ'ם פאטער, די „פארעהרער" פון דער דערמארדעטער מוטער, מען פערהערט דעם קינדישען מערדער. מען לאזט ארויסטרעטען זייבע לעהרערס פון שול, זייבע חברים, די דאקטוירים, וואס האבען דאס קרענקליכע קינד אפט בעהאנדעלט. דער פראצעס ציהט זיך א גאנצע וואך. דאס גאנצע לאנד הארכט מיט איינגעהאלטענעם אטעם די ידיעות פון בודאפעשט. מען ווייסט פאר אויס, אז דער אורטייל געגען דעם קינד וועט זיין א מילדער, אז ער מוז זיין א מילדער. ווארים דער קליינער, אומגליקליכער דענעש זעמפלען איז נישט נאר דער מערדער פון זיין מוטער, ער איז אליין אויך דער טראגישער קרבן פון דעם דאזיגען שוידערליכען מארד, פון דעם צושטערענדיגען האס, וואס האט פערגיפטעט די נשמה פון דעם קינד און האט עס געטריבען, אין פערצווייפלונג, אין הילפלאזיגקייט, צו דעם דאזיגען פערברעכען...

ענדליך קומט אריין דער טריבונאל, צום לעצטען מאל איידער דער אורטייל ווערט ארויסגעטראגען. קומט פאר אנ'אינטערעסאנטער דיאלאג צווישען דעם פארזיצער פון טריבונאל און דעם בעשולדיגטען.

ריכטער: גיסטו זיך אפ א רעכענונג דערפון וואס דו האסט געטאן, דענעש? ווייסטו, אז דו האסט צושטערט פאר דער צייט א מענשליך לעבען?

בעשולדיגטער: דאס לעבען האט אין מיינע אויגען קיין שום ווערט נישט.

ריכטער: וואס טראכטסטו דענעש, וועגען טויט?

בעשולדיגטער: דער טויט איז לגמרי נישט אזוי שרעקליך ווי מענשען מיינען. בעת דער מענש שטארבט ליידט ער נישט און דערנאך אוודאי נישט.

ריכטער: וואסער שטראף וואלסטו בעשטימט פאר דיר ווען דו וואלסט געווען אויף מיין ארט?

בעשולדיגטער: איך וואלט געמשפט, לויט די אומשטענדען וואס מאכען שווערער און טיילוויז מילדער מיין פערברעכען...

ריכטער: וואס מיינסטו דערמיט?

בעשולדיגטער: איך האב דערמארדעט מיין אייגענע מוטער, און דאס פערגרעסערט מיין שולד. אבער מיינע עלטערן זענען געווען בייזע מענשען און האבען מיך פערגיפטעט מיט האס, און דאס דארף מיין שולד מילדערען.

דער טריבונאל האט אפגעהאלטען א קורצע בעראטונג און האט דערנאך פער'משפט דעם יונגען מוטער-מערדער אויף דריי יאהר לייכטע תפיסה.

דר. א. אויביץ.

זאמעל-אקציע אין אמעריקא
לטובת די ציש"א-שולען אין פוילען

ניו-יארק (יט"א) אין צוזאמענהאנג מיט דער זאמעל-אקציע פאר די ציש"א-שולען אין פוילען איז דא פארגעקומען א גרויסער באנקעט מיט אנטייל פון יודישע קולטור-טוער, פארשטעהער פון די סאציאליסטישע ארגאניזאציעס, פראפעסיאנעלע פעראיינען א. א. וו. געעפענט דעם באנקעט האט ב. צביון, דער פארזיצער פון הילפס-קאמיטעט פאר די יודישע שולען אין פוילען. דעם פארזיץ האט איבערגענומען ב. וולאדעק. מיט רעדעס זענען ארויסגעטרעטען: ש. ניגער, ב. שערמאן (לינקע פועלי-ציון), לייבוש לעהרער, י. ווייגבערג (פרעזידענט פון ארבייטער-רינג), אברהם רייזען, ז. טיגעל (פויליש-יודישער פערבאנד), פרץ הירשביין, י. מענדעלסאן, דער שליח פון פוילישען „בונד" און ש. קאזשדאן.

די ה"ה מענדעלסאן און קאזשדאן האבען געשילדערט דעם שווערען קאמף פאר דער עקזיסטענץ, וואס די ציש"א-שולען קומט אויס אנצופיהרען מיט מסירת-נפש, און די מארטירערשאפט פון די שול-טוער און לעהרער.

אויף דעם באנקעט איז גלייך געזאמעלט געווארען א סומע פון 1,200 דאלאר פאר די שולען פון ציש"א אין פוילען.

נייער פאהר-פלאן
אריין אין קראפט דעם 15-טען מאי

פון לאדזשער פאבריקס-באהן גייט אפ:

0.10	קיין קאלושעק (אויף טשענסטאכאוו, קראקא, לעמבערג)
3.15	קיין קאלושעק (מיט פערבינדונג ווארשא)
6.05	קיין קאלושעק (מיט פערבינדונג אויף טשענסטאכאוו)
7.40	קיין קאלושעק (מיט פערבינדונג ווארשא)
8.05	קיין ווידזעוו
8.55	קיין קאלושעק (זונטאג און יום-טוב פון 20. מאי ביז'ן 16-טען ווזשעשיען)
9.35	קיין קאלושעק (זונטאג און יום-טוב פון 20-טען מאי ביז'ן 16-טען ווזשעשיען)
10.35	קיין קאלושעק (פערבינדונג מיט'ן שנעל-צוג אויף ווארשא און קראקא)
12.20	קיין קאלושעק
13 20	קיין קאלושעק (אין ארבייטסטעג)
14.12	קיין קאלושעק (מיט פערבינדונג ווארשא און טשענסטאכאוו)
14.45	ביעלסק און סקאזשיסקא
15.25	קיין קאלושעק (אין ארבייטסטעג)
16.20	קיין קאלושעק
17.15	קיין קאלושעק (מיט פערבינדונג אויף ווארשא)
17.50	קיין קאלושעק (מיט פערבינדונג אויף ווארשא און קאטאוויץ)
18.40	קיין קאלושעק (אין ארבייטסטעג)
19.25	קיין קאלושעק (אין ארבייטסטעג)
20.00	קיין קאלושעק (מיט פערבינדונג ווארשא און טשענסטאכאוו)
21.35	קיין קאלושעק (מיט פערבינדונג קראקא)
22.50	קיין קאלושעק

פון קאלישער באהן גייט אפ:

0.39	קיין זבאנשין
2.15	קיין לאוויטש
5.05	קיין פויזען
6.04	קיין ווארשא
7.09	קיין גלאוונא (יום-טובים פון 22-טען מאי ביז'ן 17-טען ווזשעשיען ד. י.)
8.03	דורך ווידזעוו קיין טאמאשאוו
8.10	קיין זד.-וואליא
9.03	קיין דאנציג, גדיניע
9.09	קיין פויזען
9.30	קיין גלאוונא (זונטאג און יום-טוב פון 20 מאי ביז'ן 16. ווזשעשיען ד. י.)
10.25	קיין זד.-וואליא (יום-טוב)
12.15	קיין ווארשא
12.35	קיין פויזען, זבאנשין
12.50	קיין דאנציג, גדיניע
14.30	קיין זד.-וואליא
14.35	קיין גלאוונא (פאר יום-טוב פון 19. מאי ביז'ן 16. ווזשעשיען ד.י.)
15.40	קיין פויזען
15.50	קיין דאנציג, גדיניע
16.05	קיין ווארשא
17.20	קיין זד.-וואליא (מיט מערב. אויף קארשניץ)
17.46	קיין גלאוונא
19.14	קיין פויזען, זבאנשין
19.48	קיין ווארשא
20.05	דורך ווידזעוו, דירעקט קיין לעמבערג
21.05	קיין זדונסקא-וואליא
22.00	קיין דאנציג, גדיניע
22.35	קיין זדונסקא-וואלא

Dr.
Wołkowyski
האט זיך איבערגעצויגען אויף
ציגעל-גאס 11, טעל. 238-02
נעהמט אן אין הויט- און ווענערישע
קראנקהייטען, מענער-שוועכע
נעהמט אן פון 8–12 בייטאג, 4–6 און פון 7–6.

אין פאנטאסטישען שיין
(סקיצע)

אין זיין שטיבעל אויפ'ן 4-טען שטאק ליגט ראובן גרין אומבעוועגליך, אויסגעצויגען אויף דער קאנאפע, ווי אנ'אפגעדארטער לולב, פערגליווערט אין עפעס אנ'אומהיימליכער, קאלטער רוה.

ער ליגט מיט פערמאכטע אויגען און זעהט דעם שטורעמדיגער טייך — זיין עבר, שטראמט ווי דורה, א כישוף אויף צוריק. הייסע זכרונות וועלען בעשפריצען איהם מיט רציחות'דיגען ווייסען שוים.

אמאל איז געווען...

א זונגע וועלט בעשטראהלט מיט'ן ארעאל פון גלויבען אין תמימות, ווי א לויטער, ווייס בליימעל האט געבליהט אויף דער פריהלינגדיגער לאנקע פון זיין יוגענד. ער זעהט: א זאל, אין רויטער בעלייכטונג — דער „פעראיין" אין זיין שטעטעל. ס'איז אווענד פון 1-טען מאי דעם ארבייטס יום-טוב, די לופט איז אנגעלאדען מיט התלהבות, אויף דער טריבונע שטייט ער, אנ'18-יעהריג בחור'ל און רעדט.

פון זיין מויל ווי פון א וואולקאן-קראטער שפריצט די גליהענדיגע לאווע פון עקסטאז, פליהען די ברענענדיגע פלאמען פון גלויבען. ער רופט צו א הערא'אישען קאמף פאר דער בעפרייאונג פון ארבייטער-קלאס. ער רעדט ווענען דערהויבען זיך איבער דער גראהער ווירקליכקייט, דורך וועלכען דאס לעבען בעקומט א זין און א ציל, ווערט הייליג, שיין און דערהויבען. ער רעדט אין א פייערדיגער שטראם גאלוואניזירט, צינדט הערצער פון בלייכע פערבלייטע צוהערער.

ראובן גרין הערט זיך אין די ווייטע, פאנגע עכא-קלאנגען פון זכרונות, אין זיין מוח, ווי אויף א פילם-לענטע, טאנצען, בייטען זיך האסטיג געשטאלטען און פאסירונגען, ווי דערהויבענע און שיינע זענען געווען יענע גליקליכע רגע'ס...

ער האט זיך פערוויטעלט און אראפגעלאזט די אויגען, ווען מען האט איהם דערצעהלט, וואס דער ח' בעריל דער וועטעראן פון דער ארטיגער ארבייטער-בעוועגונג האט זיך אויסגעדרוקט וועגען איהם: „ס'עט זעהען: מ'וועט נאך איהם א קייגען גיין מיט א ספר-תורה אין דער האנד".

אמאל איז געווען...

א שווערער קרעכץ רייסט זיך אינסטינקטיוו ארויס פון זיין ברוסט, ווי א בעדויער נאך עפעס טייערס, וואס איז אוועק און וועט שוין מעהר נישט זיין.

ביסלעכווייז. אומבעמערקט פאר זיך אליין, איז א גייסטיגער סם פון סקעפטיס אריינגעדרונגען אין זיין בלוט. ער האט זיך [illegible] ווי איינער, וואס רייבט זיך אויס די אויגען נאך א לאנגען שלאף, ס'זענען אראפגעפאלען פון זייבע אויגען די בלאהע ברילען פון דער ראמאנטיק, און ער האט דערזעהען די וועלט א נאקעטע, גראבע און אומגעלומפערט-רוהע.

* * *

ער האט איבערגעריסען אויף שטענדיג מיט זיין געזעלשאפטליכער טעטיגקייט, אפגעשלאסען זיך אין א רשות-היחיד פון איינזאמקייט, אפגעגרעניצט פון דער וועלט מיט א דיקער כינעזישער שוויגען-מויער, אזוי זענען געפלאסען פאר איהם אומצייליגע טעג און חדשים פון כמורנער אפגעזונדערטקייט און בעטראכטונג. איצט איז ער שוין פון אלעמען פערגעסען געווארען אלס מטושטשער. מען האט איהם נאכגעטייטעלט און פילדייטיג געשאקעלט מיט די קעפ, בעת זייבע אומדערמידליכע שפאצירען הינטערן שטעטעל.

האט ער בעשלאסען אוועקצופאהרען אין א גרויסער שטאט, וואס ער האט באלד פערווירקליכט. די שטאט האט מיט א גיהנום-פייער צעצינדען זייבע געבליטען, אלע זייבע אברים האבען געצאפעלט נאכ'ן זיסען טשאד פון ליבע. ער, דער געוועזענער אסקעט האט געדורשט צו דעם כישוף'דיגען אפגרונד פון מיידעל-אויגען. ער האט געזוכט הייליגונג און פערגעסונג אין דער פרוי.

די פרוי: ראובן גרינס אויגען גלאנצען, פלאקערן אויף אין דער פינסטער מיט א ווילד פייערל, אין זיין מויל שנייד זיך איין א גאליקער, שפארפישער שמייכעל ווי א קרומער פערגיפטעטער טשערקעסישער קינזשאל. די פרויען! ער האט זיי געהאלטען פאר הימלישע וועזענס, וואס פערזיסען דעם מענש אין זיין אומענדליכער איינזאמקייט און לסוף האבען זיי איהם באר פערוואונדעט און פער'סמ'ט. פרויען! כא, כא, כא! ער צעלאכט זיך מיט אנ'אומהיימליכען געלעכטער... זיי זוכען דאך א תכלית, פרנסה-געבער!... ער איז אוועק פון זיי מיט פול האס און פעראכטונג פאר זיין צושטערטער, ענטוישטער ליבע-אילוזיע. אבער דאס איינמאל אנגעצונדענע פייער, האט שוין נישט געקענט געשטילט ווערען. ער האט זיך אראפגעלאזען צום תהום פון זינד און אויסגעלאסענהייט. ווי ער האט מיט א ביין-פייערדיגער הנאה געפראוועט ארגיעס, ווערלענדיג זיך פער'שיכור'ען, גוקט זיין זיך פאר זיין צושטערטע גלויבען, אבער אויך פון דאנען איז ער ארויס אנ'אפגעבריהטער. די ווערמדיגע פרוכט האט געלאזט איהרע שפורען. דער ציניזם, דער זשאווער פון דער נשמה האט איהם פער'סמ'ט. ער איז ארויס מיט א קראנקען קערפער און צובראכענעם גייסט.

ראובן גרין פיבע'ט. שוידערן ווי אייז-קאלטע שלאנגען גליטשען זיך איבער זיין קערפער.

ארום איהם, אין א ווילדען קא-אהאר, דרעהט זיך א כאאס, באקעטע מכשפות, גאסען-פרויען מיט ארויסגעבלויזטע צו איהם צונגען און מאכען עפעס איבער זיין קאפ אזויבע מאדנע צייכענס און שפריכען און אט א דער אין א זייט, וואס שטייט כמורנע מיט'ן בייזען לייבען-קאפ און ווי א צוואנג פערבייסענע ליפען, דאס איז דאך שאפענהויער. א! ווי נצחון'דיג ער שמייכעלט. ער וויל א געשריי טון, אבער דאס געשריי קוילערט זיך צוריק אין זיין איגערליכקייט.

י. גאלדקארן.

דעפאזיטען פון ארץ-ישראל-טוריסטען

די פ.ק.א.=באנק אין תל-אביב פערנעמט אנ'אנגעזעהען ארט אין ארץ-ישראל-באנק-וועזען. הגם די דאזיגע אינסטיטוציע עקזיסטירט פערהעלטנישמעסיג נישט לאנג, האט די א"י-רעגירונג אנערקענט די פ.ק.א.-באנק דאס רעכט צו גאראנטירען דעפאזיטען, מיט וועלכע עס מוזען זיך אויסווייזען טוריסטען קיין ארץ-ישראל.

סקולפטור-אויסשטעלונג אין „וויזא"

דער בעקאנטער לאדזער סקולפטאר ה. כיימאוויטש, שטעלט יעצט אויס זיינע ארבייטען אין לאקאל פון „וויזא" (שענקעוויטשא 26).

די אויסשטעלונג האט ארויסגערופען א גרויסע פעראינטערעסירונג א דאנק זיינע פערשידענארטיגקייט און ארגינאליטעט. כדי צו געבען די מעגליכקייט דעם ברייטען עולם צו באזוכען די אויסשטעלונג, איז דער איינגאנג פריי נאר עטליכע טעג.

ראדיא=פראגראם

דאנערשטאג, דעם 7=טען יוני 1934

6,35 גראמאפאן, 6,40 גימנאסטיק, 6,55 גראמאפאן, 7,05 ידיעות, 7,10 גראמאפאן, 7,20 הויזווירטשאפט, 7,30 פערשידענעס, 11,57 צייט-סיגנאל, 12,05 פרעסע, 12,10 דזשעז-מוזיק, 1 ידיעות, 1,05 פראגראם פאר יונגע קינדער, 1,20 גראמאפאן, 2 עקספארט, קאמוניקאט, 4 קאנצערט, 4,25 פארטעפיאן=קאנצערט, 5 גראמאפאן, 5,15 אוידיציע, 6 שמועסען פאר פרויען, 6,15 אוידיציע, 7 פערשידענעס, 7,15 רעפארטאזש, 7,30 מוזיק, 7,50 ספארט, 8,02 רעפערטואר פון די טעאטערן, קאמוניקאט פון לאדז, 8,50 ידיעות, 9 טראנסמיסיע פון גדיניע, 9,02 גראמאפאן, 9,12 פידעל-קאנצערט. 10 רעפעראט, 10,15 טאנץ=מוזיק, 11 ידיעות, קאמוניקאטען.

• • •

פון אויסלאנד

8 בעלגראד – סימפ. קאנצערט, 8,15 בערלין – קאנצערט, 8,30 דאווענטרי – אפערע „ציגאנערין", 8,40 פראג – סימפ. קאנצערט מיט'ן אנטייל פון סטעפאן פרענקעל, 8,45 מיילאנד – אפערע „טאסקא".

שרפה אין באטא'ס לאגערן

10 מיליאן קראן – בעטרעפט דער היזק

פראג, 6 (ספ. טעל.) זונטאג אינדערפריה איז אין באטאווא נעבען אטראקאוויץ אויסגעבראכען א שרפה, וועלכע האט אינגאנצען פערניכטעט באטא'ס א לאגער פון רויע מאטעריאלען. דער היזק בעטרעפט 10 מיליאן קראן. 2,000 ארבייטער האבען פערלוירען זייער ארבייט.

מיר פערטיגען אויס

אבציאהקען

פיר מאנופאקטור, שטרימף

לעדער

גרויסער אויסוואל

פון פערטיגע אבציאהקען

פאר שטרימף, מאנופאקטור

טריקאטאזשען און זיידען בראנזשע

געפערבטע

עטיקעטען

פיר וועש, שאקאלאד,

קראוואטען און פערפומעריע בראנזשע

FABRYKA SUKNA BIELSKO

FABRYKA SUKNA EMES BIELSKO

FABRYKA WYR. WEŁNIANY ŁÓDŹ

FABRYKA WYR. SUKIENNYCH EBT TOMASZÓW

FABRYKA GARBARSKA W WARSZAWIE

Czysta Wełna 10 9

BIELSKO

WYTWÓRNIA ODBIJANEK i DRUKARNIA I.M. STRYKOWSKI PIOTRKOWSKA 35 TEL. 236-25.

קלאנג-קינא CAPITOL

זאוואדזקא 16

היינט פרעזענטירען מיר עפאפיי פון ליבע, פרייד און טרויער אין מייסטערווערק א. ג.

„דער מענש, וועלכער האט געגנב'עט א הארץ"

JAMES DUNN, BOOTS MALORY

ריהרענד ליד פון צוויי הערצער! פילם, וועלכער ריהרט און ענטציקט עלעמען! — אין די הויפט=ראלען:

די יונגסטע עקראן-קינסטלער

אנהייב 4 א זייגער נאכמיטאג

אויסערן פראגראם: סלאנג=צוגאבע ווי אויך די לעצטע געשעהענישען פון דער וועלט און FOX נייעס.

יזכור

מאריס שווארצ'ס

מיט די גרעסטע קינסטלער פון ניו=יארק

גרעסטע שאפונג!

קירצליך אין קינא „CZARY"

יזכור

איז א בילד פאר אלט און יונג און קיינער טאר עס נישט פערפעהלען צו זעהען!

ברוך=קראנקע!!!

ערשטע און איינציגע ארטאפעדישע הייל-אנשטאלט אין לאדז. פון דעם איז גאנץ פוילען בעריהמטען ספעציאליסט ארטאפעד דיר. י. ראפאפארט, וועלכער עקזיסטירט 30 יאהר און איז געווארען אנערקענט פון פיל בעוואוסטע פראפעסארען.

אין דער ארטאפעד. הייל-אנשטאלט, ספעציעל פאר אלעראָרט ברוך-קראנקע (רופטורען) בײַ מענער, פרויען און קינדער, ווי אויך פאר אלערארט קאליקעס און פעהלערן פון גוף. אלע ליידענדע אויף די שווערסטע, פערעלטערטסטע און געפעהרליכסטע ברוכען ווערען מיט דעם גרעסטען ערפאלג, אהן שום אפעראציע, ראדיקאל שנעל און זיכער געהיילט.

J. Rapoport

ברוך-ליידענדע!

פערלאזט נישט די קראנקהייט, — ווייל דער ווינקעל-ברוך אז מען פערנאכלעסיגט ווערט ער גרויס ווי א מענשען-קאפ, און עס פאלט ארײַן אין דעם בוים און דער קראנקער אין א גרויסער סכנה. פון פערדרייען זיך די קישקעס קאן מען ווערען בראנדיג און שטארבען. — ספעציעלע ארטאפעדישע גומי הייל-באנדאזשען פון מײַן ארטאפעד. הייל-אנשטאלט בעזייטיגען שנעל און זיכער די שווערסטע און געפעהרליכסטע ברוכען מעצ. ארטאפ הייל-באנדאזשען פאר צוריקגעקומענע ברוכען נאך אפעראציעס ווי אויך ספעציעלע אונדיווידועלע צוגעפאסטע ארטאפעד. בויך-באנדאזשען קענען ארפלאזען זיך פון מאגען און קישקעס.

פאר קאליקעס, הויקערס און אלערארט פעהלער פון גוף!

אין מײַן ארטאפעד. הייל-אנשטאלט ווערען אויסגעפערטיגט די הײַלבערטסטע און פון פיל פראפעסארען אנערקענטע מעטאדע ספעציעלע ארטאפעדישע הייל-גארסעטען און אפאראטען פאר פערקרימונג פון רוקען-ביין (Skrzywienie Kręgosłupa), ביינער שווינדזוכט, ליימונגען, פערקרימטע פיס בײַ קינדער און ערוואקסענע, קינסטליכע גומענע הענד (פראטעזען) און פיס, ווי אויך די פראקטישסטע ארטאפעדישע אפאראטען פאר שמערצליכע פלאטע-פיס לויט גיפס-מאדעל.

אכטונג! אלע קראנקע אין מײַן ארטאפעד. הייל-אנשטאלט, ווערען נאר פון מיר פערזענליך בעהאנדעלט. אכטונג!

30 יעהריגע פראקטיקע, פולע גאראנטיע!

ערמעסיגטע פרייזען! עמפפאנגט טעגליך פון 9 פריה ביז 7 אוו. עס ווערען אויך אנגענומען מיטגלידער פון אובעזפ. ספאל. (קאסע-כאריך).

ערשטע און איינציגע ארטאפעדישע הייל=אנשטאלט אין לאדז

Spec. Dyr. J. RAPAPORT, Ortoped.

פון לעמבערג

Łódź, Wólczańska 10, front, parter, tel. 221-77.

דאנקזאגונג.

זייט א סך יאהרען האב איך געליטען אויף א ברוך, און קיין שום ברוך-פאס איז נישט אימשטאנד געווען זי אײַנצוהאלטען און מיר צו לינדערן מײַנע שמערצען און פײַן געווען פערצווייפעלט. היינט א דאנק דעם גרויסען ספעציאליסט ה' דיר. י. ראפאפארט ארטאפעד אין לאדז, וואלטשאנסקא 10, פראנט, פארטער, איז מיר דער ברוך נישט בלויז געווארען אײַנגעהאלטען, נאר אינגאנצען אויסקורירט, פאר וועלכעס איך דריק דערמיט אויס מײַן הערצליכסטען דאנק. (9)

(–) ל. סאלאמאנאוויטש, לאדז, זשידאווסקא 29.

Dr. med. Niewiażski

ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער און הויט-קראנקהייטען. בעהאנדלונג פון מענער-שוואכע

אנדזשעיא, 5 טעל. 159-40

נעהמט אן פון 8—11 און פון 5—9 אוו. זונטאג און יום-טוב פון 9—1 פארמיטאג. בעזונדערער ווארטע-זאל פאר פרויען.

Dr. med.

Z. DATYNER

אוראלאג

ספעצ. פאר נירען, בלאז און אורין-קראנקה.

ZACHODNIA 59a, tel. 148-95

נעהמט אן פון 2–3 און פון 6–8 אוו.

Dr.

S. Kantor

ספעציאליסט פאר הויט און ווענעריש קראנקהייטען (סיפיליס און טריפער), היילט מענער = שוואכע וואוינט יעצט

Piotrkowska 90, tel. 129=45

נעמט אן פון 8–2 נאכמ. און פון 4–9 אוו., זונטאג און יום-טוב פון 8–2 נאכמ. פאר אונבעמיטעלטע – לעטשניצע-פרייזען.

LECZNICA

chorób

uszu, nosa i gardła

מיט שטענדיגע בעטען

עס ארדינירען די דאקטוירים:

Dr. IMICH, Dr. WOŁYNSKI

PIOTRKOWSKA 55

fr. I p., tel. 174-74.

לעטשניצע

פאר וועגעריש קראנקע

פון דאקטוירים ספעציאליסטען

לאדז, זאוואדזקא 1

טעל. 205-38

טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אווענד. וועגעריש-קראנקע, מענערשוואכע און הויט-קראנקהייטען, אנאליזען פון בלוט און אורין

די פערהיטונגס=סטאציע

איז טעטיג א גאנצען מעת לעת

פאר פרויען א ספעציעלער ווארטע-זאל

א בעראטונג 3 זל.

פאר גאלד,

ביזשוטעריע

און לאמבארד-קוויטעס צאהלט די העכסטע פרייזען

איזידאר פיאלקא

פיעטריקאווער 7.

רייכע הייל-קוואלן

אייזען-בלאטע-בעדער, מינעראל קוואלען און גלויבער-זאלץ פון די וועלט-בערימטע קור-ערטער

FRANZENSBAD

ווערען עמפפעהלט ביי פרויען-קראנקהייטען, הארץ-קראנקהייט, רעוומאטיזם, מאגען-קראנקהייטען, קישקעס, לעבער, שלעכטע שטאף - ווערקסלונג, צוקער=קראנקהייט, נירען און אורין-קראנקהייטען, בלוט און נערווען-קראנקהייטן. קור-סעזאן: פון 1=טן מאי ביז העלפט אקטאבער.

אינפארמאציעס און פראספעקטען דורך דער קור-פערוואלטונג.

Dr. med.

Oł. ZADZIEWICZ

ספעציאל-ארצט פאר האלז, נאז, אויערן און קעהל-קאפף-קראנקה.

Piotrkowska 164

tel. 125-26.

נעהמט אן פון 4 ביז 8 אווענד.

אויערן, נאז און האלז

קליניק

מיט בעטען פון Dr.

Z. Rakowski

פיעטריקאווער 67, טעל. 127-81

נעהמט אן שטענדיגע קראנקע (צוועק אפעראציע א. ז. וו.) ווי אויך אמבולאטארישע פון 11–2 און פון 5–8 אוונט.

לעבער איז דער מאשין

ווערען אנגענומען אויסצוגייען ביי

ג. נארדמאן, שרודמיעסקא 8

קליינע אנאנסען

1 זלאטי

אנאנס ביז 15 ווערטער

פרייע פאסטענס

נויטיג קוואליפיצירטע נייטארינס ביוסט - האלטערס אויף ארויסצוגען אהיים. לאטניטשא (קעלבאך) 10, ה.

לאקאלען

ס'ווערט געזוכט א גרויס צימער קוכען בענוצונג מיט בעקוועהמליכקייט און בעזונדערן איינגאנג, פאר א פאלק אין צענטער פון שטאט. אפערטען אונטער „בעקוועהמע וואוינונג"

אנ'ארט צו שלאפען פאר אנ'אינטעליגענטען יונגענמאן מיט אלע קוועמליכקייטען, בעזונדערער איינגאנג צו ערפאהרען פאלודניאווא 12, ה.

פערשידענעס

א טיכטיגער יונגערמאן, געווענער לענגערע צייט אין א מעכאנישע בעריי אלס עקספעדיענט און בוכהאלטער זוכט בעשעפטיגונג ביי וואס עס זאל זיין פאר א מינימאלען לוין. בעסטע רעפערענצען. אפערטען אין אדמ. אונטער „טיכטיג".

א קוואליפיצירטער בוכהאלטער ביוראליסט זוכט א פאסטען. ערשטקלאסיגע רעפערענצען. אפערטען אין אדמ. אונטער „פראקטיצירטער פון ראדאם".

ס'איז מיר פערלוירען געווארען א פאס און א מיליטער-ביכעל אויפ'ן נאמען פון שמואל גראסמאן, נאשעלסק. דער געפינער ווערט געבעטען צו ברענגען צו ווילנער, דרעוונאווסקא, פאר גראסמאן.

פאלמילך ביז 100 ליטער טעגליך אבצוגעבען ביי Krause, Łódź Pabjanicka 47.

אנאנסען-פרייז פאר א מילימעטער-שורה

מארק טעקסט – 19 . פרייטאג און ערב-יו"ט – 24 גר.	אין דער זייט	שפאלטען	
אין טעקסט – 40	60 –		4 .
צווישן טעקסט – 12	16 –		.

ביליגער דער שטארט 50 פראצ. טייערער, אויסלאנד 100 פראצ. טייערער. מעלדונגען — 10 גר. א ווארט

נעקראלאגען – 20 גר. א מ/מ (אין דער זייט, שפאלטען) קליינע אנאנסען ביז 15 ווערטער 1 זל. יעדעס ווייטערדיגע ווארט — 10 גר.

אבאנאמענטס-פרייז: אין לאדז – 4 זל. א חודש מיט צושטעלען א היים. אויף דער פראווינץ – 5 זל. א חודש; אין אויסלאנד 7 זל. אמעריקא – 1 דאל.

מעהלערן, וועלכע ענדערן נישט פרינציפיעל דעם אינהאלט פון דער אנאנס בערעכטיגען נישט צום איבערדרוקן די אנאנס אדער צוריקצוצאהלען פאר דעם אנאנס

פאר'ן אינהאלט און שפראך פון די אנאנסן איז די רעדאקציע נישט פעראנטווארטליך. די אדמיניסטראציע איז אפען בייטאג און בייגאכט

Za wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg
Czcionkami i druk. rotac. „Najer Folksblat", Piotrkowska 81.
Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman